STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07324

ZEY VELN OYFSHTEYN

Binem Heller

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בינם העלער

✶

זיי וועלן אויפשטיין

בינם העלער

זיי וועלן אויפשטיין

פארלאג
י.ל. פרץ
ישראל

תל־אביב — 1984

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פֿון
ייִדישן שרייבער־פֿאַראיין אין ישׂראל,
קרן תל־אביב לספרות ולאמנות,
אליעזר פּינעס־פֿאָנד פֿאַר קולטור און ליטעראַטור

הילע — משה בערנשטיין

Binem Heller / Zei Weln Oifshtein
Poems

©

I.L. Peretz Publishing House
14, Brener Str., Tel-Aviv, ISRAEL

י. ל. פּרץ־פֿאַרלאַג
רח' ברנר 14, תל־אביב

Printed in Israel 1984
נדפס בישראל

נסדר בלינו־טור, רח' יסוד המעלה 39, ת"א
נדפס בדפוס מ. ערבה, רח' לבנדה 36, ת"א

זיי וועלן אויפשטיין

איך קום

אַ חלום נאָך בלאָנדזשעט אין בלוט
און איך קען פון אים נישט דערוואַכן.
די האַנט ווייסט נישט מער וואָס זי טוט,
דאָס אויג פאַרשטייט מער נישט די זאַכן.

און פּלוצלינג — אַ וווּנדער געשעט:
איך גיי אין אַ זײַט אַ פאַרקערטער,
און ס׳שטייען אויף חרובע שטעט,
איך טרעף צו פאַרגעסענע ערטער.

און גאַנץ ווערט אַ וואַנט און אַ טיר —
זיי קומען צוריק פונעם ברענען.
און עמעצער וואַרט דאָרט אויף מיר,
און עמעצער וועט מיך דערקענען.

נישט עמעצער סתם, ניין, דו ווייסט —
נישט איינעם פון דאָרט קען איך מיינען,
ווײַל יעדער פון זיי וויל אַ טרייסט
פאַר יאָרן נישט קענען שוין וויינען.

איך קום, איך קום אָן, איך בין דאָ,
איך נעם פונעם אומקום מײַן חלק. — —
דער חלום ווערט אויס, איז נישטאָ —
און אויך דער נישטאָ איז שוין הייליק.

ביים קיכטיש

איך שרייב איצט די לידער ביים קיכטיש.
דער שרייבטיש מיט די שקאַטולקעס און פיגורן
איז מיר געוואָרן דערעסן.
די ביכער, די שומרים אַרום,
רייצן זיך
און עס שפּירט זיך פון זיי
מיט שטויב און מילב,
מיט אַלטע ווערטער.

אין קיך איז דער ריח אַ היימישער.
איך דערקען דעם טעם פון יעדן מאכל.
און בעסער נאָך וואָלט געווען,
ווען דער אויוון איז אַן אַמאָליקער,
מיט פייערקעס און רושטן,
און דאָס פייער איז אַן אמתדיקס,
און די זשיוויצע קנאַקט,
און די פונקען שפּריצן,
ווען זיי דערמאָנען זיך די דונערן און בליצן,
וואָס זענען אַ מאָל אַדורך אין אַ וואַלד. — —

נאָר ווו איז דער אמתדיקער אויוון?
און ווו איז דאָס אמתדיקע פייער?
איין פייער פון גיהנום
האָט פאַרשלונגען אַלע פרידלעכע פייערן.
ביים לעצטן איז געווען מיין מאַמע.
זי איז געשטאַנען אויף די קני
און מיט שיינענדיקע אויגן,
מיט אַ פאַרפלאַמט פּנים,
אַרויסגענומען די שבתדיקע חלות.

פון די אַש

...און פון די אַש זענען אויפגעקומען
די מאָדנע מינים פון געקרייצטע בלומען
און אויך די מענטשן פון אַ נייַער ראַסע —
אַ ווייַסע, נאָר נאָך מער אַ בלאַסע.
גענוצט זיי האָבן בלויז געציילטע ווערטער
און נאָר געזוכט אין אַלע אַלטע ערטער.
און נאָך די אַלע רויכן, אַלע פייַערס,
זיי האָט נישט איבערראַשט קיין אומגעהייַערס,
אַפילו נישט — קיין זעלטנקייט, קיין ווונדער —
און יעדער האָט געלעבט פאַר זיך, באַזונדער.
די מענער האָבן נישט געוווּסט פון זינגען,
די פרויען האָבן זיך באַצירט מיט רינגען
פון ריינסטן גאָלד און איידלשטיינער —
און אָנגעקליבן פלייש און פעטס אויף ביינער.
און צוגעוווינט צו יעדן שלעכטן וועטער —
זיי האָבן זיך געשראָקן בלויז פאַר שפּעטער:
פאַר אים — געזאַמלט גאָלד אין אַלע ווינקלען,
פאַר אים — די איידלשטיינער אינעם פינקלען,
פאַר אים — זיי פלעגן יעדן גראָשן שפּאָרן,
פאַר אים — געוואָרן עלטער אין די יאָרן.

און שווער געווען איז זיי דאָס זייַן צוזאַמען,
ווייַל — אָפּגעוווינט פון טאַטן, פון דער מאַמען,
און נישט געהאַט קיין שוועסטער און קיין ברידער — —
און נישט געוווּסט, אַז מענטשן שרייַבן לידער,
און נישט געזען קיין הימלען און קיין בליִעכץ,
נאָר קוימענס, שטעכלדראָט און קרומע תּליות.

און אַז געקומען איז די צײַט פון שטאַרבן —
און אָן אַ נאָענטן דאָס גוטס צו אַרבן —
געפינען פלעגן מענטשן אַ צוואה
מיט ווייניק ווערטער אויף פּאַפּירן גראָע:
די טויטע קערפּערס האָט מען אָפּגעשריבן —
אַז פאַר דער ערד איז גאָרנישט נישט געבליבן,
און אַלץ איז דאָרט באַשטימט בלויז צום פאַרברענען —
אין פײַער וועלן זיי די נאָענטע דערקענען.

ביזן דנאָ

אין חלום פֿאַל איך האַסטיק ביזן דנאָ:
די קינדער־יאָרן זענען ווידער דאָ.

און ווי אַ מאָל — דער טיש איז ווידער גרייט,
ווי ס׳וואָלט מיט אים די צײַט זיך נישט געשיידט.

אַרום דעם טיש זיצט גאַנץ נאָך דאָס געזינד,
און צווישן אַלעמען — בין איך דאָס קינד.

אַ זוניקער, פֿאַרשטענדלעך, איז דער טאָג,
אַ חכמה — יעדעס איינע וואָרט וואָס כ׳זאָג.

גישטאָ קיין גרענעץ צווישן וואָר און שפּיל,
און וועלן מעג איך וויפֿל נאָר איך וויל.

און וואָס צו וועלן איז פֿאַראַן אַ סך,
נאָך מער ווי אַלע קלאַנגען אין מײַן שפּראַך,

וואָס איך באַהעפֿט אויף ס׳נײַ און איך דערפֿינד —
און צווישן אַלעמען — בין איך דאָס קינד. — —

אין חלום פֿאַל איך ווידער ביזן דנאָ:
דער ראַנד פֿון בעט. פֿרימאָרגנדיקע שעה.

אַ פֿרעמד געריויש האָט זיך צום טאָג געשטעלט.
איך זינק שוין ווידער אין אַן אַלטער וועלט.

דער ריח פון געדענקען

פאַר דינה

דער ריח פון געדענקען איז אַ האַרבער,
ער שמעקט מיט בלוט און מיט פאַרברענטע קוילן.
איך קוק אַרײַן מיט אויגן פון אַ שטאַרבער
אין יענעם עבֿר, וואָס מע רופֿט אים פּוילן.

איך בלאָנדזשע אין אַ חלום אויף גרויעצקע.
איך גיי נישט, נאָר איך שוועב דאָרט איבער שטיינער.
געווען איז דאָס מײַן גאַס, די סאַמע לעצטע,
אויף ערד, דער אויסגעמישטער מיט די ביינער.

אַ פֿײַכטער ווינט פון האַרבסטן און פון פענער.
די וווּנדן הייבן ווידער אָן צו ברענען.
און בײַ די אָוונטיקע האַלבע טענער —
איך לייג אויף זיי באַנדאַזשן פון שאָפּענען.

די מאַמע מיטן קינד

וואָס דאַרף איך? בלויז דעם ריח פונעם וואַלד —
און איך וועל אויך דערזען שוין דײַן געשטאַלט.

דו ביסט מײַן מאַמע, האַלטסט מיך אויף דער האַנט.
דו גייסט דורך יענעם וואַלד פון יענעם לאַנד.

דעם ריח איך דערפיל נישט, נאָר געדענק.
גענוג איז דאָס — אין האַלדז זאָל ווערן ענג,

אַזש ביז דערשטיקט צו ווערן פון דער טרער,
נאָר דאָס איז ווייניק, איך באַדאַרף נאָך מער —

איך דאַרף דעם ריח נאָך פון יענעם וואַלד,
כּדי איך זאָל דערזען אויך דײַן געשטאַלט.

געזוכט האָב איך אים דאָ, אין פּאַלמעלאַנד,
ווו אַלע ריחות זענען גוט באַקאַנט,

נאָר איינעם — נישט מע ווייסט און נישט מע קען:
דאָס איז דער ריח, אַז דו ביסט געווען,

דאָס איז דער ריח פון דעם סאָסנעוואַלד,
וואָס האָט אַ מאָל געזען דאָרט דײַן געשטאַלט.

געטראַכט האָב איך שוין אין אַ שוואַרצער שעה,
אַז אפשר איז דער וואַלד שוין אויך נישטאָ.

געבליבן איז דער ריח פון פאַרברען —
און ער בלויז ווייסט איצט, אַז דו ביסט געווען.

דעדיקאַציע

מײַן ביימל דו אין בליטן ראָזע —
פאַר וועמען ביסטו אויסגעסטראָיעט?
דײַן קליינע שוועסטער, די בעריאָזע,
שטייט אַלץ אין פוילן נאָך און טרויערט.

זי האָט געוווּסט, אַז איך פאַרלאָז זי
אויף אַלע לעבעדיקע יאָרן.
איצט ווייסט זי אויך שוין, די בעריאָזע:
זי וועט פאַר מיר נישט זײַן קיין אָרון.

זי שטייט נאָך אין דער זעלבער פּאָזע,
אַן אַנגעטוענע אין גרינעם.
איר נאָמען איז נאָך אַלץ: בעריאָזע,
מײַן מאַמע רופט מיך אַלץ נאָך: בינם.

יתומים

צי זענען מיר דען טאַקע נאָר פּאָעטן?
מיר זענען אויך פאַרלוירענע יתומים,
און נישט מיר זינגען לידער, נאָר מיר בעטן
געדענקענישן פאַר אַ וועלט פון דומם.
מיר בענקען אַלע נאָך די גוטע מאַמעס,
וואָס זענען אונדזער וואָגל נישט געגאַנגען,
נאָר מיט די אויגן, ווי די שוואַרצע פלאַמעס,
זיי האָבן נאָכגעלאָשן די געזאַנגען.
מיר קומען ווידער אין די שטעט און שטעטלעך
און שרייַען אויס אַ טענה צווישן קברים:
— אָן דיר, דער מאַמען, איז די ערד נישט געטלעך,
די ערד אָן דיר איז מידברדיק און אָרעם.

נאָר אין די לאַנגע פוילישע פאַרנאַכטן
די דימיון־שפינען הייבן אָן צו פלעכטן
פון אַלערליי זכרונות און פאַרדאַכטן
קאָלירן און באַוועגונגען פון נעכטן.
די גאַס שטייט, ווי אַ מאָל, צוריק מיט יאָרן —
אַ שמאָלע און אַ פולע מיט געשטאַלטן,
און דורך די הייַזער, דורך די קאָרידאָרן,
זיך קייַקלען ווידער מענטשן און געוואַלטן.

אויסגעמעקט

ווען דאָס געדענקען איז נאָך שטאַרק,
איז שטאַרק אויך דאָס פאַרגעסן,
און איבער מיר ליגט איצט אַ באַרג
פאַרבלוטיקטע מעת-לעתן.

איך גראָב זיך מיט די הוילע הענט,
איך רײַס זיך פונעם חושך.
נאָר איך בין נאָך פון בלוט פאַרבלענדט
און נאַכט מיט טויט פאַרטויש איך.

מײַן יִחוס-בריוו איז אויסגעמעקט,
נישטאָ שוין דאָרט קיין נעמען.
ווער האָט זיי מיט זײַן בלוט פאַרפלעקט
און ווער וויל מיך פאַרשעמען?

און אַז איך קום אַרויס צום ליכט,
דערקען איך נישט די פאַרבן:
זיי האָבן אויך זיך נישט געריכט,
אַז איך בלויז זאָל נישט שטאַרבן.

מײַן יינגערער ברודער

דעם אָנדענק פֿון מ נ ש ה הי״ד

געװען איז ער ייִנגער פֿון מיר און — נישטאָ.
ער װעט נישט באַװײַזן צו װערן שױן גראָ,
ער װעט נישט באַװײַזן צו װערן שױן אַלט —
אַ דײַטש האָט דערהרגעט זײַן יונגע געשטאַלט.

און איך װעל אים שטענדיק געדענקען — אַ קינד,
מיט באָרװעסע פֿיסלעך אין װאַרעמען װינט.
די מאַמע אים טראָגט דורכן װאַלד אויף די הענט.
ס'איז שפּעט, און דער װאַלד װערט אין שקיעה פֿאַרברענט.

אים האָבן די דײַטשן דערשאָסן אין שניי.
געװאַרט אויף דער קויל האָט ער דאָרט אין אַ ריי.
אַ הילך האָט געטאָן די װײַסרוסישע ערד —
און איך האָב דעם עכאָ אין אַזיע דערהערט.

די ירושה

פון מײַנע ברידער
בין איך דער לעצטער.
מיט איין פּאָר אויגן
קוק איך פאַר זיבן,
נאָר פון ליכט
נעם איך בלויז מײַן חלק.

די ירושה איז ווײַטער געבליבן צעטיילט.

בײַ מײַן יעדער הנאה
זיי קומען
און שטעלן זיך אַרום מיר.
זיי זאָגן נישט גאָרנישט.
איך עס און טרינק,
איך קוש מײַן ווײַב,
איך פאַנג די גראַמען.
די ברידער —
זיי זאָגן נישט גאָרנישט.
זיי נעמען זייער חלק
און לאָזן איבער
בלויז דאָס
וואָס געהער צו מיר.

די ירושה איז ווײַטער געבליבן צעטיילט.

אַז ווייל איז צו די
וואָס זעען אַזוי
און אַנדערש —
אויף דער העלפט,
מיט אַ תּנאַי.
איך
זע אַלץ
גאַנץ,
מיט אַ מאָל:
די הײַזער פון מילע,
דעם בוידעם,
דעם שטויב אין דער זון,
די צעוואָרפענע בעטן,
די ליידיקייט פון נאָך דעם שרײַען — — —

און קיינער
וועט מיך פון דעם בילד
נישט באַפרײַען.

סאַלוט

דו קענסט אַריבערשרייַען איבער פערציק יאָר
און דאָרט זאָל עמעצער דיך נאָך דערהערן?
דו קענסט אַריבערשרייַען דייַנע ווייַסע האָר,
אַז אויך די טויטע זאָלן זיך נישט ווערן
און נישט פאַרלייקענען שוין זייער זייַן
און זייער שותּפות צו די אַשן גראָע,
וואָס זענען אויך אַדורכגעזאַפּט מיט שייַן —
און אויך די ערד האָט שוין פון זיי הנאה?

אויב יאָ — זאָל ביז אַהין דערגיין,
צוזאַמען מיט דער שטעכעניש פון ווייטיק,
צוזאַמען מיט די פלאַמען פון געוויין,
אַ זיג-געשריי כאַטש איינער און האַרצברייטיק:
סאַלוט דער פאָן פון מילע-גאַס, סאַלוט!
די פאָן פון בונקער פייַערט איר נצחון!
אַ יעדער פלעק אויף איר פון ייִדיש בלוט
האָט אים מיט פערציק יאָר צוריק פאַרשפּראָכן!

איך גיי איצט דורך דער אייַנגעשטילטער שטאָט
אין אָוונט פונעם טרויער-און-זכּרון.
איך קען נישט מער! מיר איז אַזוי אַ שאָד
זיי זאָלן דאָס נישט וויסן לאַנגע יאָרן.
איך שרייַ צו זיי אַריבער שוין אַ דור,
און צוויי, זיי זאָלן זיך דעם זיג דערוויסן,
איך שרייַ צו זיי אַריבער פערציק יאָר:
סאַלוט און רום דער פאָן פון חודש ניסן!

מײַן שוועסטער חיה

מײַן שוועסטער חיה מיט די גרינע אויגן,
מײַן שוועסטער חיה מיט די שוואַרצע צעפּ —
די שוועסטער חיה, וואָס האָט מיך דערצויגן
אויף סמאָטשע-גאַס, אין הויז מיט קרומע טרעפּ.

די מאַמע איז אַוועק פֿון שטוב באַגינען,
ווען אויפֿן הימל האָט ערשט קוים געהעלט.
זי איז אַוועק אין קראָם אַרײַן פֿאַרדינען
דאָס בידנע-דראָבנע גראָשעדיקע געלט.

און חיה איז געבליבן מיט די ברידער,
און זי האָט זיי געקאָרמעט און געהיט,
און זי פֿלעגט זינגען זיי די שיינע לידער,
פֿאַר נאַכט, ווען קליינע קינדער ווערן מיד.

מײַן שוועסטער חיה מיט די גרינע אויגן,
מײַן שוועסטער חיה מיט די לאַנגע האָר —
די שוועסטער חיה, וואָס האָט מיך דערצויגן,
איז נאָך נישט אַלט געווען קיין צענדלינג יאָר.

זי האָט גערוימט, געקאָכט, דערלאַנגט דאָס עסן,
זי האָט געצוואָגן אונדז די קליינע קעפּ,
נאָר שפּילן זיך מיט אונדז האָט זי פֿאַרגעסן —
די שוועסטער חיה מיט די שוואַרצע צעפּ.

מײַן שוועסטער חיה מיט די אויגן גרינע,
אַ דײַטש האָט אין טרעבלינקע זי פֿאַרברענט.

און איך בין אין דער ייִדישער מדינה
דער סאַמע לעצטער, וואָס האָט זי געקענט.

פֿאַר איר שרײַב איך אויף ייִדיש מײַנע לידער
אין טעג די שרעקלעכע פֿון אונדזער צײַט.
בײַ גאָט אַליין איז זי אַ בת־יחידה —
אין הימל זיצט זי בײַ זײַן רעכטער זײַט.

אַליין

מײַן בלוט איז פול מיט ריטעם און געזאַנג,
און דוכט זיך — דאָס דאַרף סטײַען נאָך אויף לאַנג.

נאָר אַן אַן אויפהער נאָיעט אין געמיט
און טרויער־סטרונעס ברומען אין מײַן ליד.

איך בין אַליין שוין אין דער שפּעטער שעה.
דער טאַטע איז אין ערגעץ מער נישטאָ.

די מאַמע האָט געלאָזן מיך אַליין,
נאָר דאָס מאָל שוין צוריק נישט קומען, ניין.

די ברידער אַלע זענען אויך אַוועק,
און איך, דער לעצטער, אויפן סאַמע ברעג —

איך בין אַליין איצט אין דער שפּעטער שעה,
און קיינער איז שוין מער מיט מיר נישטאָ.

צו יעדן שאָרך פאַרשאַרפט איז מײַן געהער:
צי גייט ווער אויף די טרעפּ, צי גייט דאָרט ווער?

און אפשר איז דאָס גאָר דער וואַגלווינט,
וואָס זוכט נאָך אַלץ דאָס וויינען פון אַ קינד?

נישטאָ דאָס קינד, נישטאָ שוין דאָס געוויין.
די מאַמע וועט צוריק נישט קומען, ניין.

יאָרן, יאָרן

מיר האָבן נאָך הנאה פון בארעדן,
מיר ווײַצלען זיך, מיר מאַכן נאָך די מינעס.
נאָר עפּעס דאָך עס נאָיעט שטיל בײַ יעדן,
און אייגנטלעך — מיר אַלע שרײַבן קינות.

און יאָרן, יאָרן — יאָרן פונעם חורבן —
מיר טראָגן זיי נאַטירלעך שוין, ווי פּליכעס,
און ווי די בעטלערס — קרומע פּיס און האָרבן —
און דאָס העלפט אויך אַ ביסל שוין צום יִחוס...

נאָר ווען מיר אַ מאָל דען קענען אַנדערש?
צי זענען מיר בכּוח זיך צו שטראָפן?
דאָס גאַנצע לעבן איז שוין אויסגעוואַנדערט,
און בלויז דער וועג פון ווינד־און־ווײ איז אָפן.

טאָ לאָמיר גיין, חברים, דאָס איז אונדז געבליבן.
צו זיך אַליין מיר מוזן זײַן געדולדיק.
אַ סך, אַ סך מיר האָבן שוין פאַרשריבן,
נאָר מער נאָך איז די וועלט געבליבן שולדיק.

אפשר וואַרטן?

די ווערטער זענען אַלע שוין פאַרשטענדלעך,
זיי קענען שוין דעם נײַגער נישט באַרירן.
די פּוסטקייט פון אַרום ווערט מער אומענדלעך —
באַלד וועט נישט זײַן שוין וועמען צו פאַרלירן.

געבליבענע — מיר קומען זיך צוזאַמען,
און הענט, ווי וואַרצלען, נעמען זיך פאַרפלעכטן.
ווען הויל און נאַקעט זענען שוין די שטאַמען,
די ביימער זייגן זייער זאַפט פון נעכטן,

און מיר — דעם זיסן זאַפט פון סענטימענטן.
און אין די ווערטער איז נישטאָ קיין חידוש. — —
איז אפשר וואַרטן ביז אַ דור אַ צענטן
און זוכן דאָרט אַ רעדער נאָך פון יידיש?

איך גיי איצט ווידער אויף די זעלבע שטיינער

1

פאַר וואָס אַנטלויף איך ווידער פון דער היים?
וואָס זוך איך ווידער אין דער פרעמדער וועלט?
וואָס איז די קראַפט, וואָס טרײַבט מיך אין געהיים
פון דאַך-און-וואַנט — און ווײַטן זי צעהעלט?
פאַר וואָס ווערט אָפט דאָס אָטעמען מיר ענג,
ווי קיין שום ווונד וואָלט זיך נאָך נישט פאַרהיילט?
די ביכער שטייען ברוגז אין די שענק —
זיי האָבן אַלע מעשׂיות אויסדערציילט
און שטשירען מיט די שורות שוואַרצע ציין,
און מײַנע לידער, וואָס איך שרײַב צום גראָם —
זיי זינגען ווײַטער סײַ ווי מײַן געוויין,
און איך בין ענלעך צו מײַן בילד אין ראָם:
אַליין, אַליין, אַליין.

וואָס זוך איך אין דער אַלטער, פרעמדער וועלט?
די צײַט האָט דאָרטן אַלץ שוין אויסגעטווישט.
קוואַרטאַלן נײַע האָט זי אויפגעשטעלט,
און אַנדערש איז אַפילו דאָס גערויש.
און בלויז דער ברוק פון אויספּאַלירטן שטיין
איז אייביק, ווי אַ מאָל, און האַרט. — —

און בלויז די טויטע — מיט פאַרהאַקטע ציין —
אין זייער אומקום זענען אײַנגעשפּאַרט.

2

צו יונגע יאָרן פירן נישט קיין שיפן,
אַפילו נישט קיין שנעלע עראָפּלאַנען.
די בענקשאַפט בלויז קען בלענדן און פאַרבליפן
צום עבר — כאָטש ער איז שוין נישט פאַראַנען.

איך גיי איצט ווידער אויף די זעלבע שטיינער,
און מײַנע מריט דערקענען באַלד די נאָטן.
דאָס זעלבע ליד? אַך, ניין! נישטאָ שוין קיינער,
בלויז איך, מיט מיר — מײַן גוט באַקאַנטער שאָטן.

מײַן גאָט! אַפילו ער איז אויך געענדערט,
אויך ער איז, דוכט זיך, מער שוין אײַנגעבויגן,
אויך ער האָט אויסגעוואָגלט, אויסגעלענדערט
די גאַנצע ערד — אַזש ביז צום נישט-געשטויגן.

3

דער עבר ווערט צו נעפּל און לעגענדע,
און אַלץ וואָס איז ממשותדיק — צו שאָטן,
ווי אין אַ מעשׂה פון די ווײַטע לענדער,
ווי נישט מײַן פוס וואָלט דאָ אַ מאָל געטראָטן.
איך פּרוּוו די לופט איצט נאָך אַ מאָל פאַרזוכן —
און אויף בעלוויל, אין בילִיקע האָטעלן,
איך הייב זיי ווידער־ווידער אָן צו זוכן.
נאָר איך באַגעגן פרעמדע אויף די שוועלן,
חוץ איינע, מיט אַ שמייכל און אַ קליידל,
וואָס כוואַליען זיך פונאַנדער ווי אין רינגען.
און איך נעם רופן זי בײַם נאָמען: פריידל!
אוי, פריידל־פרייד, צי קענסטו אַלץ נאָך זינגען?
צי לאַכסטו, ווי אַ מאָל, מיט הונדערט גלעקלעך? — —
אַ טעות, דאָס איז נישט דאָס זעלבע מיידל.
זי שמייכלט חנעוודיק: מעסיע, נישט שרעקלעך,
כאָטש כ׳בין נישט יענע וואָס מע רופט זי פריידל.

און איך? איך בין דאָך פאַרט אַ מאָל געוועזן דאָ!
צי בין איך אויך נישט מער שוין ווי אַ שאָטן?
צי בין איך אויך שוין נעפּל און לעגענדע,
און נישט מײַן פוס איז דאָ אַ מאָל געטראָטן?

4

ווי אַלט געוואָרן וואָלטן אַלע פֿאַרבן,
די אומגעריכטיקייטן — מיד־און־מאַטע.
די צײַט האָט שוין באַוויזן צו פֿאַרדאַרבן
די פֿריידן און די צרות — שוין געהאַטע.

און איך זוך איצט אין פֿרעמדע שטעט און לענדער
אַ יאָר, וואָס איז נאָך הונגעריק און גלייביק,
אַ פּנים פֿון אַ מאָל און אָן פֿאַרענדער —
די פֿאַרבן פֿון דער יוגנט זענען אייביק.

פּאריז, יוני 82

זיי וועלן אויפשטיין

אין מידבר, פון דער טריקעניש דערוואָרגן,
די בלומען שטייען אויף אין איין פרימאָרגן.
צי קענען דאָס נישט טאָן די טויטע ביינער?
גאָט איז איינער, ווײַטער קיינער.

ווי שנעל די קנאָספּן אײַלן זיך צום שפּאַלטן!
ווי שנעל זיי בײַטן פאַרבן און געשטאַלטן! —
צי קען נישט זײַן דאָס מיט די טויטע ביינער?
גאָט איז איינער, ווײַטער קיינער.

אין פרילינגווינט זיי ציטערן צוזאַמען.
אין וואָסער בלום האָט זיך פאַרשטעלט מײַן מאַמע?
אויך זי געווען איז צווישן טויטע ביינער.
גאָט איז איינער, ווײַטער קיינער.

איך האָב דערזען, דערקענט לויט די קאָלירן.
אָט איז די בלום. זי הייבט זיך אָן צו רירן.
אָט שטייט זי אויף שוין פון די טויטע ביינער.
גאָט איז איינער, ווײַטער קיינער.

דאָס איז געווען נישט בלויז אַזאַ חזיון —
דעם בליִענדיקן מידבר קען מען טרויען:
— זיי וועלן אויפשטיין פון די טויטע ביינער.
גאָט איז איינער, ווײַטער קיינער.

סודות און רמזים

סודות און רמזים

כּדי צו שילדערן דעם אויפקום פון אַ בלימל —
מע דאַרף דערצו זײַן צוגעגרייט און ווערט:
צו קענען אַלע פאַרבן פונעם הימל
און וויסן אויך די סודות פון דער ערד.

מע דאַרף פאַרשטיין ווּהין די ווינטן בלאָזן
און ווּ די זון שטייט אויף אין יעדן טאָג —
אַחוץ די אַלע סודות און רמזים,
וואָס האָבן נישט קיין אויסזען און קיין וואָג,

נאָר שווימען אונדז פאַרבײַ אין שטילן שוועבן,
ווי אינעם פרילינגטאָג — דער בלומענשטויב.
זיי זאַפּן אײַן זיך, ווי די לופט אין לעבן,
און אינעם פרילינג איצט — מײַן ליד־און־לויב.

און איך — איך בין פאַר אַלעמען זיך מודה:
די זאַכן זענען שווערע צום פאַרשטיין.
איך הער פון אַלע ווינטעלעך די סודות,
נאָר מיט דעם ווּנדער לאָזט מען מיך אַליין.

איך זע איצט ווי די טײַכן ווערן פולע
און ווי די בערג באַדעקן זיך מיט בלי,
און ווי די הירשן טאַנצן פון גדולה
אויף בערג און היגלען, באַלד פון אין דער פרי.

און ווי אין טאָלן זינגען קליינע גראָזן
די שירה פֿון מלאָכים צו דער ערד — —
כאָטש יענע טיפֿע סודות און רמזים,
האָב איך אין קיין שום קול נאָך נישט דערהערט.

דער לעצטער רעגן

דער לעצטער רעגן פּויקט אין אַלע דעכער:
— די ערד האָט אָנגעפּילט שוין אירע לעכער,
די טײַכן גיסן איבער שוין די ברעגן —
איך בין דער לעצטער רעגן.

די שוואַרצע וואָלקנס זענען מער נישט וויכטיק,
און מיט די גראָע — ווערט אַ ביסל ליכטיק,
און באַלד וועט אויך די זון אַליין שוין מעגן —
איך בין דער לעצטער רעגן.

דו האָסט געהערט ווי לעצטע טראָפּנס קאַפּען?
דו האָסט געהערט ווי קינדערפּיסלעך קלאַפּן?
און איך, איך פרעג צוריק:
— צו וואָס דײַן פרעגן?

דו ביסט דער לעצטער רעגן.

אַנגעוויטיקט

די ערד איז אַנגעוויטיקט.
ווו איך ריר זיך צו —
קומט אַרויס אַ בלום,
אַ רויטע ווי אַ ווונד.
איך לינדער די יסורים
מיט דער שורה פון אַ ליד.

פרילינג.
די ערד ליגט אין היץ —
זי בליט.
זי חלומט אין קאָלירן.
איך בין פאַרליבט אין איר ווי אַ נאַר.
איך טראַכט פון דער איינציקער געפאַר —
זי נישט צו פאַרלירן.

דאָס וועט נישט געשען!
ווען כ׳וועל מער צו איר נישט זינגען,
וועט זי מיך נעמען צוריק
אין איר אינגעווייד,
און דעמאָלט וועט איר חלום זײַן
ווײַס און שוואַרץ —
איר איינציקע טרייסט,
אַז כ׳בין ווידער מיט איר געוואָרן
איינס.

די דרײַ טאָפּאָליעס

די דרײַ טאָפּאָליעס שטייען נאַקעט־שוואַרצע,
פון רעגנס אויסגעוואַשן, אויסגעצוואָגן.
דער ערשטער פרילינגווינט האָט אָפּגענאַרט זיי
און דאַכט זיך, אַז זיי ווילן זיך באַקלאָגן.

די וואָרצלען זענען לאַנג שוין אָנגעזעטיקט,
דאָס וואַסער גרייכט שוין ביז די צווײַגנשפּיצן,
נאָר דאָס מאָל האָט דער פרילינגווינט פאַרשפּעטיקט —
ער טרײַבט נישט אָפּ די דונערן און בליצן.

די דרײַ טאָפּאָליעס שטייען אָנגעלאָדן,
פאַרכלינעטע פון וואַסערדיקן שווײַגן,
און יעדע איינע שאַצט פאַר זיך דעם שאָדן
און ציילט דעם איבערבלײַב פון אירע צווײַגן.

אַ שווערער ווינטער. און אין דעם נאַסן וועטער
אוממעגלעך איז דערטריקענען די שטאַמען.
דער פרילינג וועט מסתמא קומען שפּעטער,
מיט דעם חמסין אין איינעם שוין צוזאַמען.

און דעמאָלט וועט געשען אַ מין בהלה
פון אַלע סאָרטן בליִענדיקע פלעקן.
די דרײַ טאָפּאָליעס, נאַקעטע און גאָלע,
באותו רגע וועלן זיך באַדעקן.

איך פרעג נישט זײַן נאָמען

איך פרעג נישט זײַן נאָמען. ווער איז ער?
און וווּ איז זײַן אמתדיק אָרט?
פון זוכן — מײַן ליד ווערט קאַפּריזער
און מער נאָך אומגלייביק — מײַן וואָרט.

א ווינטער פאַרדעקט האָט מיך ווידער
מיט שטורעם, מיט רעגן, מיט ווינט.
און איך האָב געשיקט מײַנע לידער
צום לאַנד, וווּ איך בין נאָך אַ קינד.

זיי קומען צוריק, ווי אַ סטײַע
פון פייגל אין וואַנדער און פלי.
— געבענטשט זײַט, שליחים געטרײַע
פון אייביקן פרילינג אין בלי!

דער פרילינגווינט

פאר הדסה

דער ווינט איז יונג, דער ווינט בלײַבט תּמיד ווינט —
דער פרילינגווינט האָט ליב צו גיין געשווינד.

זײַן אימפּעט און זײַן בענקשאַפט צו דעם בלי
דעריאָגט דעם פויגל אינעם פרילינגפלי.

צוליב זײַן שנעלקייט ווערט ער טייל מאָל בלינד:
דער שטויב פאַרשטעלט, און ווינט בלײַבט תּמיד ווינט.

און יעדע רגע איז בײַ אים אַ שאָד —
ער לויפט צום פרילינג מיט זײַן ליבע־סוד.

דער ערשטער בלי באַהעפט זיי און פאַרבינדט,
און מיט אַ מאָל — דער ווינט בלײַבט תּמיד ווינט —

אין סאַמע מיטן לויפן בלײַבט ער שטיין
און ברעכט אוים אין אַ בליִענדיק געוויין,

און יעדער קנאָספּ צעגליט זיך און צעצינדט.
דער ווינט ווערט אוים. דער ווינט בלײַבט תּמיד ווינט.

די געלע בלומען

די געלע בלומען בליִען אומעטום,
אויף אַלע הייף און צווישן ווילדן גראָז.
אַזוי פיל זענען זיי — און שטענדיק שטום,
און אייגנטלעך, זיי ווייסן נישט פאַר וואָס.

זיי שטייען אויף די ערשטע אין דער פרי,
ווען קיינער זעט נאָך נישט אויף זיי דעם טוי,
און הייבן אָן צו טוען זייער בלי,
דעם אָרעמען, שוין טויזנט יאָר אַזוי.

זיי ענדיקן די אַרבעט אין אַפּריל,
און נאָך דער ערשטער היץ — זיי גייען אײַן.
זיי שטאַרבן, ווי זיי בליִען, אין דער שטיל,
פּאַמעלעך לעשט זיך זייער געלע שײַן:

נאָר איינע בלויז געדענקט אין זיי — די זון.
זי האָט זיי ליב. זי שענקט זיי פון איר געל,
און זאָרגט פאַר זיי — צי ווייסט דען ווער דערפון? —
קיין איינע זאָל נישט ווען פון קיין קוועל.

די זון געדענקט אין יעדער, אומעטום,
אַ קערנדל פון יעדער זי באַהאַלט.
אַז גאָט וועט געבן — אין אַ יאָר אַרום —
זי וועט איר ווידער געבן איר געשטאַלט.

וואָס מאַכט עס אוים

וואָס מאַכט עס אוים אויב איך פאַרגעס?
אַז אויך די שׂימחה איז אַ נס.

די קערנער, אין דער ערד פאַרזייט,
אין פינצטערנישן ווערן גרייט,
זיי זאָלן אין אַ פרילינגשפּרונג
אַרויסגיין ווידער גרין און יונג.

דאָס פוילן האָט זיי נישט צעשטערט.
די ערד צעשטערט נישט, נאָר געבערט.
אַ פרישער דאַנק איז זייער בלי
צו אַלע טויען אין דער פרי.

וואָס מאַכט עס אוים אויב איך פאַרגעס?
אַז אויך די שׂימחה איז אַ נס.
און זי פאַרהיט, און זי באַהאַלט,
און וואָס פאַרגעסן — ווערט נישט אַלט.

אַ גרוס פון אונדזער געסל

בײַ אונדז אין געסל וואַקסן נישט קיין עפּל,
נאָר אַלץ, וואָס וואַקסט דאָרט יאָ, גרינט איצט און בליט.
דער פֿויגל בולבול מיטן שוואַרצן קעפּל
זינגט ווידער שוין דאָס וווּנדערלעכע ליד.

די בלומען זענען שוין אַראָפּ פון זינען,
דיביימער ווערן אַזש צעשפּאַרט פון פרייד.
אויך אונדזערע טאָפּאָליעס נעמען גרינען —
באַלד וועלן זיי אין גאַנצן זײַן באַקליידט.

אַ גרוס דיר, טײַערע, פון אונדזער געסל.
די גרינקייט האָט שוין באַלד פאַרשטעלט דעם וועג.
אַ גרוס דיר פון דעם סאַמע יינגסטן קעצל,
וואָס ווערט אין גיכן אַלט שוין זיבן טעג.

דאָס קעצל איז פון אונדזערע קאָלירן:
אַ געלס, מיט ווײַסע לאַטקעלעך אַ סך.
איך חלש, כאַטש אַ מאָל דאָס אָנצורירן —
אומזיסט, דאָס קעצל איז כּסדר וואַך.

אַ גרוס דיר פון דעם נײַעם פּאָרל טויבן,
די אויסגעפּיקטע פון דעם לעצטן יאָר.
זיי פּויקן אוים אַ בשׂורה אין די שויבן:
— מיר זענען שוין, מיט מזל, צו דער פּאָר!

מיר זוכן ווּ צו היטן און צו שוינען
דאָס אייעלע — און לייגן אין אַ נעסט.
אין בלומענטאָפּ בײַ אײַך מיר וועלן וווינען
און זײַן דאָרט בלויז ווי זומערדיקע געסט. — —

מײַן טײַערע, אויב דו האָסט נישט דערקעגן,
וועל איך זיי לאָזן ביזן לעצטן פּיק.
ווען דו זאָלסט וויסן, ווי זיי בעטן־פרעגן,
און ווי זיי וואָרקען־ווײַנען אַזש פון גליק!

אַפּריל 1983

די לערע פון די פייגל

די לערע פון די פייגל קומט אָן שווער —
אויף זיך אַליין האָב איך דאָס אויסגעפּרוּווט.
מע דאַרף דערצו אָן אַבסאָלוט געהער,
מע מוז אויך זײַן כּסדר אויף דער לופט.

און יעדער פויגל האָט אַן אַנדער שפּראַך,
און קיין מאָל פּעלטשט ער נישט זײַן אייגן ליד.
זײַן היים איז אויף אַ בוים, צי בײַ אַ דאַך,
און תּמיד איז ער העכער — ווײַל ער פליט.

איך ווױן אין לאַנד שוין פינף און צוואַנציק יאָר,
און דורות פייגל האָב איך דורכגעלעבט,
און יעדן פרילינג האָט אַ נײַע פּאָר
אַ נײַע נעסט נעבן זיך אַליין געקלעפּט.

און דאָס האָט נישט געדויערט אַזוי לאַנג,
ווי דאָס געשעט בײַ מיר און מײַן פּאַרמעסט:
נאָך איידער וואָס-און-ווען האָט אַ געזאַנג
אַ שפּאַר געטאָן אין פרילינג פון אַ נעסט.

און דאָך — געניטער איז שוין מײַן געהער,
און פויגלדיקער איז אויך מײַן געמיט,
און כאָטש די לערע קומט מיר אָן נאָך שווער —
איך הייב זי אָן דערפילן אין מײַן ליד.

אַ קאַרליקל אַ בוים

פאַראַן בײַ אונדז אַ קאַרליקל אַ בוים —
און ער האָט אויך אין פרילינג זיך צעבליט.
דרײַ בלעטלעך האָט ער, און ער זשיפּעט קוים —
און ער וויל אויך אַרײַנגיין אין מײַן ליד.

איז ביטע זייער! — איך צעשפּרייט די הענט
און אים אַרומצונעמען בין איך גרייט.
איך מאַך דעם קאַרליקל אַ קאָמפּלימענט,
אַז ער געפעלט מיר, ווי ער שטייט און גייט.

איך זאָג צום בוים: — דײַן יעדן בליט איך גלייב,
פאַרליבט בין איך אין יעדער זאַך וואָס בליט.
ווי קליין דו ביסט — איך הייב דיך און דערהייב,
און עפן אויף פאַר דיר דאָס שענסטע ליד!

אַ מאָדנער בוים און מאָדנע פייגל

אַ מאָדנער בוים: אין האַרבסט איז ער אַ בליִער,
אין פרילינג פאַלן אָפּ ביַי אים די בלעטער.
אַ סך געשעט ביַי אים אַ ביסל פריִער,
נאָך מער געשעט ביַי אים אַ ביסל שפּעטער.

און מאָדנע פייגל זענען פון די קומערס:
זיי פליִען זיך צונויף פון וויַטע וועלטן,
סיַי די, וואָס האָבן ליב די הייסע זומערס,
סיַי יענע — פון די שנייען און די קעלטן.

דעם מאָדנעם בוים זיי קומען אָן באַקרוינען
און זינגען אים דאָס ליד פון אַלע לידער:
אַז גוט איז אויף דעם מאָדנעם בוים צו וווינען,
אַז אַלע מאָדנע פייגל זענען ברידער.

אַ מאָדנער בוים. און איך האָב גאָר פאַרגעסן,
אַז איצט געשען דאָ אויסטערלישע זאַכן —
אַז איך אַליין בין אויפן בוים געזעסן
און אויך געזונגען אויף די פייגלשפּראַכן.

אַ בלאָער פֿויגל

געקומען איז דער פֿויגל פֿון גן־עדן
צום בוים אַנטקעגן איבער, ווו מײַן ווײַן איז.
ער שטייט דאָרט שטום, ער קען אַלץ נישט באַשיידן
דעם וווּנדערלעכן פּשט פֿון די זכרונות.

ער נישטערט צווישן אַלע פֿריידן דולע,
ער זוכט נאָך צווישן אויסטערלישע פֿאַרבן,
די איינציקע — די פֿאַרב, וואָס איז אַ סגולה
אַנטקעגן טרויער און אַנטקעגן שטאַרבן.

אומזיסט, אויך זײַן זכּרון איז אַ שטומער,
און פֿון גן־עדן איז אים נישט געבליבן
קיין פֿאַרב קיין איינציקע פֿון יענעם זומער —
אויך פֿון די פֿאַרבן האָט מען אים פֿאַרטריבן.

און בלויז אַ ביסל בלאָקייט אויף די פֿליגל
באַוויליקט האָט אַ מלאך אים צו שענקען.
ער זעט עס נישט. ער קוקט נישט אין קיין שפּיגל.
די בלאָע פֿאַרב איז אויך בלויז צום געדענקען.

סוף פרילינג

פון אַלע ריחות איז די ערד שוין מיד.
דער פויגל דרעמלט איַין אין מיטן ליד.
ביז בלוט איז אָנגעריַיפט די רויטע רויז —
זי האָט צו לעבן נאָך אַ רגע בלויז.

דער שטילער ווינט האָט אויך זיך אָפּגעשטעלט.
דער שניטער גייט אַרום שוין אינעם פעלד.
און אין אַ נעסט אַ מאַמע איז נאָך וואַך —
די שאָל פון אייעלע איז דין און שוואַך.

זי וואַרט, אַ שנעבעלע זאָל טאָן אַ פּיק —
די גאַנצע וועלט קוקט־אויס דאָס גרויסע גליק.
דעם בוים ווערט שווער, אַ רויטער עפּל פאַלט —
פון פרילינג איז זיַין פאָרעם און געשטאַלט.

דער טראָפּן זאַלץ

די גראָזן ווערן ביסלעכווײַז פֿאַרברענט
און אויף די פֿעלדער בלײַבן בלויז די דערנער.
אויך זומער האָב איך אַרבעט פֿולע הענט,
און דאָך, דעם פֿרילינג האָב איך שטענדיק גערנער.

דאָס וועטער איז נאָך טאַקע נישט געשטעלט,
און איין טאָג טוט דעם אַנדערן קאַפּויער,
נאָר דווקא דאָס אין פֿרילינג מיר געפֿעלט —
זײַן פֿרייד איז יונג און אויסגעמישט מיט טרויער.

די ערשטע ליבע האָט מיך שנעל אַנטוישט,
די צווייטע האָט אויך נישט צו לאַנג געדויערט,
די דריטע האָט אַליין מיך אויסגעטוישט,
ווײַל איך האָב נאָך די ערשטע צוויי געטרויערט.

און דעמאָלט האָב איך זיך דעם ליד פֿאַרטרויט
(כ'האָב נישט געקענט דאָס וואָרט נאָך, דעם פֿאַררעטער).
געשריבן האָב איך וועגן נויט און טויט —
און אַלע ליבעס אָפּגעלייגט אויף שפּעטער.

צו וואָס, צו וואָס דערצייל איך איצט דאָס אַלץ?
געהער עס צו דער חכמה פֿון דער עלטער —
אַז אָן דעם טרויער פֿעלט דער טראָפּן זאַלץ,
און שפּעטער — אין דעם גאַנצן לעבן פֿעלט ער?

• • •

ניש‏ט ווײַט איז שוין צום אָנהייב פונעם זומער,
נאָר יעדער פרילינגטאָג איז איצט אַ נס.
אוי, הלוואי וואָלט איך געווען אַ פרומער,
און אויך מײַן ליד געהאַט וואָלט אַן אדרעס!

אַוודאי בין איך נישט דער ערשטער דיכטער,
וואָס האָט זײַן וואָרט דערנענטערט צו געבעט,
געזאָגט עס אין דער פינצטערניש געדיכטער
פון שטאָלענע און שווײַגנדיקע שטעט.

נאָר איצט ערשט, אין דער סאַמע שווערסטער רגע,
די אייביקייט, מיר דוכט זיך, איך דערזע.
מיר דוכט זיך, אַז איך הייב זיך אָן דערפרעגן —
פאַר מיר איז זי די בלום, און נישט דער סנה.

• • •

אומזיסט האָב איך אין ווינטער זיך געגרייט
און אויסטערלישע פאַרבן אויסגעטראַכט,
צו מאָלן פריש די פרילינגדיקע פרייד —
אויך דאָס מאָל האָט דער פרילינג מיר געבראַכט:

אַ שוואַרצע דאַטע אין זײַן יעדן טאָג,
אין יעדער נאַכט — אַ שאָטן פון דערמאָן,
אין יעדן ליד — אַ קינהדיק געקלאָג,
אַן אינדערהעלפט־אַראָפּגעלאָזטע פאָן.

דער יונגער גרין איז אַלץ נאָך העל און צאַרט.
דער טרויער טוט איצט איבער זײַן געשטאַלט.
אין תּמוז, ווען די בלעטער ווערן האַרט —
דער חורבן ווערט יאָרטוויזנטער שוין אַלט.

בחום היום

צוליב דער הייסער בלאָקייט פון די הימלען
האָב איך די שאַרפקייט פון מײַן אויג געפטרט.
פון צו פיל קלאָרקייט הייב איך אָן צו דרימלען,
פון חוצפּהדיקן ליכט איך ווער פאַרמאַטערט.

די אומגעריכטע שנעלקייט פונעם בליִען,
דאָס הילכיקע געלעכטער פון די פאַרבן —
זיי מישן אוים די פרישע אינדערפריִען
מיט רויטקייטן פון אונטערגאַנג און שטאַרבן.

און דאָך, איך דאַנק פאַר בלענדיקע מעת-לעתן
בײַים ראַנד פון מײַנע אומעטיקע וואָרן.
די אַלע פאַרבן מאַכן מיך פאַרגעסן,
אַז איינע בלויז, די שוואַרצע, בלײַבט אין אָרון.

אַ שיינער רעיון

געהאַט האָב איך אַ מאָל אַ שיינעם רעיון —
מיט מיר אַליין איז ער אויך אַלט געוואָרן:
אַז קריגן זאָל איך מיט אַ מאָל די מיַיען
פון אַלע מיַינע קומענדיקע יאָרן.

דאָס איז געווען, פאַרשטייט זיך, אין דער יוגנט,
ווען כ׳בין פאַרשלאָפן אַלע אינדערפריִען.
די קורצע נעכט מיך האָבן נישט באַנוגנט
און וויייניק איז געווען מיר איין מאָל בליִען.

האָב איך געבעטן: גאָט פון אַלע ציַיטן,
פון אַלע וועלטן און פון אַלע ימען!
איך בעט דיך, זאָלסט די יאָרן מיר פאַרביַיטן —
און גיב מיר אַלע פרילינגען צוזאַמען.

צו וואָס דאַרף איך באַהאַלטן זיי אויף שפּעטער?
כּדי בלויז מיט זכרונות צו באַניַיען?
איך גיב אַוועק דיר אַלע געלע בלעטער
און צאָל מיר אויף פּאָרויס אויס אַלע מיַיען!

דער ענטפער האָט דערגרייכט צו מיר ערשט היַיאָר:
— האָסט סיַי ווי נישט געהאַט וואָס אָפּצושפּאָרן.
די מיַיען פון אַ מאָל בלויז זענען טיַיער —
און גילטיק זענען זיי אין יונגע יאָרן.

אַן אויספלוג

געקומען איז אַ נײַער פייגל־דור,
וואָס קען נישט מער די שטאָט פון רויך און רעדער,
און איין מאָל, אפשר צוויי מאָל בלויז, אין יאָר —
אַן אויספלוג מאַכן זיי פון ווײַטע סעדער.

אַן אַלטער פויגל נעמט אַמאָל־אַמאָל
די קליינע אייניקלעך צום לערנען פליִען.
ער ווײַזט זיי אויפן אַספאַלטירטן טאָל:
אין פרילינג פלעגן דאָרט די ביימער בליִען.

אויף רויטע רויזן האָבן דאָרט געגליט,
גערייצט זיך מיט די גרינע פּאָמידאָרן,
און פייגל האָבן ערלעך זיך געמיט
און נעסטן אויסגעבויט פאַר יונגע פּאָרן.

די ווערעם האָבן ליב געהאַט די פרוכט,
די בינען האָבן ליב געהאַט די בלומען,
די פייגל האָבן יעדע זאַך פאַרזוכט —
און מיט דער פרוכט — די ווערעם מיטגענומען.

איצט איז דאָרט אַלץ פון גלאָז און פון בעטאָן.
די צוגעדעקטע ערד קען מער נישט בליִען.
נישטאָ דאָרט פאַר אַ פויגל וואָס צו טאָן —
אַפילו נישט קיין הימל ווּ צו פליִען.

אַזוי, בערך, וואָלט ער זיי דערקלערט,
דער אַלטער, ווען מײַן לשון זאָל אים דינען,
אַזוי וואָלט ער באַקלאָגט די שיינע ערד —
איך ווייס דאָך וואָס דער פויגל האָט אין זינען!

צום טאָפּאָל אויף מײַן הויף

אַזוי ווי אַ ווינטל — איך רעד מיט אַ שפּראַך אַ געהיימער
צום טאָפּאָל, וואָס וואַקסט אויף מײַן הויף צווישן אַנדערע ביימער:

אוי טאָפּאָל, דו טאָפּאָל, בײַ מיר אויפן הויף ביסטו אַנדערש!
צי האָסטו, ווי איך, זיך געענדערט אַזוי אינעם וואַנדער,

און גלייבסט שוין נישט קיינעם, און טוסט זיך נישט אויס שוין ביז נאַקעט?
צי ביסטו דער טאָפּאָל פון פּוילן, דער זעלביקער טאַקע?

אַדורך איז דער האַרבסט — און דו וואַרפסט נאָך פון זיך דײַנע בלעטער.
נישט אַלע, נישט אַלע — לאָזסט איבער נאָך גרינע אויף שפּעטער.

נישטאָ אַזאַ צײַט, ווען דער גאַנצער געבלאַט דײַנער געל ווערט.
צי ביסטו דער טאָפּאָל פון פּוילן, צי ביסטו דער זעלבער?

דו שטרעקסט שוין נישט מער דײַנע צווײַגן, ווי נאַקעטע ריטער,
דו וואַרטסט שוין נישט מער, אַז דער שניי זאָל פאַרדעקן דײַן ציטער.

צי האָסטו, ווי איך, זיך געענדערט אַזוי אינעם וואַנדער?
צי איז שוין נישט טאָפּאָל דײַן נאָמען? ווי רופט מען דיך אַנדערש?

אַ ביסל ווינט

אַ פרישער פריילעכער פרימאָרגן,
אַ שוואַלב אין שוועבן שנעל פאַרשווינדט.
— וואָס ווילסטו, ייִנגל?
— איך וויל באָרגן
בײַ יענער שוואַלב אַ ביסל ווינט.

— וואָס טויג דיר ווינט, מײַן טײַער ייִנגל?
בלײַב איבער דאָ, בײַ מיר אין שטוב,
און קויף פאַר מיר אַ גאָלדן רינגל,
און שווער מיר טרײַקייט ביז צום גרוב.

— איך ווייס, דו ווילסט מיך אייביק האַלטן
פאַר זיך אַליין, און נאָר פאַר זיך.
דו ווילסט מיך פון דער שוואַלב באַהאַלטן
בײַ דײַנע טעפּלעך אין דער קיך.

דו זעסט די שוואַלב אין פרײַען שוועבן?
איך וויל בײַ איר אַ ביסל ווינט.
— וואָס טויג דיר ווינט? איך וועל דיר געבן
אַ שוועלבעלע אַ קליינס — אַ קינד.

און דו וועסט פאַר דעם קינד זיך זאָרגן,
און מער נישט טראַכטן וועגן ווינט. — —
אַ פרישער פריילעכער פרימאָרגן,
אַ שוואַלב אין שוועבן שנעל פאַרשווינדט.

די מידבר־בלום

איך קום צוריק איצט פון דער גרויסער וועלט,
פון לענדער מיט אָנסופיקע פּאַרנעמען.
אַ פרילינג איינעם האָב איך דאָ פאַרפעלט —
און יאָרן לאַנג וועל איך זיך דאַרפן שעמען.

מע זאָגט, אַז הײַיאָר האָט אין לאַנד געבליט
די בלום, וואָס שטייט אויף איין מאָל אין אַ שמיטה:
זי לעבט אַ טאָג אין מידבר, און פאַרגליט —
און זיבן יאָר איז זי אַן אָפּגעבליטע.

מע זאָגט, דער רעגן האָט אין זײַן געפלייץ
צום שפּײַכלער פון דער שפע זיך דערשלאָגן,
און איצט איז פול דאָס פעלד מיט גערשט און ווייץ —
און ס'איז נישטאָ ווּהין אַוועקצוטראָגן.

מע זאָגט, אַז אויך די טײַכן זענען פול,
און אַלע פיש זיך ווידמענען און מערן.
די פייגל זינגען, אַז מע ווערט אַזש דול —
און גרוים געוואָרן זענען אויך די שטערן.

נאָך גוט, וואָס צום גערעטעניש איך קום,
כאָטש אַלע בלומען זענען אָפּגעבליטע,
און אויף דעם בליִען פון דער מידבר־בלום
איך וועל איצט דאַרפן וואַרטן נאָך אַ שמיטה.

צײַטפּאַרטרײַב

די מאָס בײַ גאָט איז צײַט — דאָס לעבן מעסט ער,
דערפֿאַר איז צײַטפּאַרטרײַב אַ גאָט־געלעסטער.

נאָר ווער זאָגט אָפּ זיך פֿון דעם פֿאַרגעניגן? —
אַ גוטע חברה און אַ שיינער ניגון.

צום פֿרילינג זענען אָפֿן אַלע פֿענצטער —
די צײַט פֿאַרטרײַבט מען אין דער צײַט דער שענסטער.

זי שיכּורט אָן מיט ריחות און מיט פֿאַרבן
ביז צום פֿאַרגעסן אַז די שטראָף פֿון שטאַרבן,

אויב גאָט וועט ווערן בייז און דיך פֿאַרשעלטן.
ביסט גרייט אויך צו פֿאַרלירן ביידע וועלטן,

אַבי צו לעסטערן די צײַט און זי פֿאַרטרײַבן —
און ווײַטער טרויעריקע לידער שרײַבן.

ממשות

אַ פּרוּוו

איך בין דאָך נישט מער ווי אַ פּרוּוו
פֿאַר פֿרייד, פֿאַר געוויין און פֿאַר שרעק.
וואָס בלײַבט דען פֿון מיר, פֿון מײַן גוף? —
נישט מער ווי אַ פֿלעק.

און אפשר — אַפילו נישט דאָס.
און אפשר — איז בעסער אַזוי.
פֿון קבֿרים איז שטאַרקער דאָס גראָז,
דער שטיין ווערט צעגאַנגען אין טוי.

און איך בין נישט מער ווי אַ פּרוּוו.
און דער, וואָס מיך האַלט אויפֿן אויג,
ער קוקט אויף מײַן ווארעמען גוף,
אויף יעדן מײַן צאַפּל און בייג,

און מישפּט מיך אָפּ פֿאַר דער צײַט:
צי זאָל איך אויף אייביק אַוועק,
צי נאָך אַ מאָל זײַן אַ פֿאַרבײַט
פֿאַר פֿרייד, פֿאַר געוויין און פֿאַר שרעק.

מיר איז ענג אויף דער וועלט

מיר איז ענג אויף דער וועלט,
אין געדראַנג פון די האַרטע מעטאַלן.
אַ געפּאַנצערטער פליִער מיך שעלט
מיט פּיאַלעטע און רוצחישע שטראַלן.

מיר איז ענג אויף דער וועלט,
און געציילט ווערט מײַן פּולס און מײַן אָטעם,
און אַ יעדער מײַן טראָט איז באַשטעלט
מיט פאַרדעכטיקערס — שפּיאָנען און פּרטים.

מיר איז ענג אויף דער וועלט.
דורך די מויערן-ווענט פון מײַן צימער
דרינגט אַרײַן די פאַרגליווערטע קעלט
פונעם קאָסמישן שוידער און שימער.

מיר איז ענג אויף דער וועלט.
ווי אַזוי קען איך זײַן אַ דערהערטער?
צי וועט ווערן דער הימל צעהעלט
דורך אַ בליציקן אויפרײַס פון ווערטער?

מיר איז ענג אויף דער וועלט.

די קליינקייט איז מײַן שוץ

דער טראָפּן לעבן גאָרט נאָך זײַן פאַרשפּרייט.
דער הונגער זוכט אַ גאַנצע וועלט מיט גוטס.
נאָר איך בין פאַר דעם סאַמע קלענסטן גרייט —
די קליינקייט איז מײַן שוץ.

פון גאָט אַנטלויף איך — כאָטש אין זײַן געשטאַלט.
מײַן נאַקעטקייט פאַרשטעל איך און באַפּוץ.
ער זוכט מיך נאָך אין דעם גן־עדן־וואַלד —
די קליינקייט איז מײַן שוץ.

דערפאַר האָב איך פאַרטראַכט פאַר זיך אַ צוים
און שווער געמאַכט די ווײַט פאַר מײַן באַנוץ.
אַנטקעגן דער פאַרפאַלעניש אין רוים
די קליינקייט איז מײַן שוץ.

דו דאַרפסט זיך נישט זאָרגן

פאַר מיר, גאָט, דו דאַרפסט זיך נישט זאָרגן.
דו האָסט מיך געגנוג שוין געזוכט.
איך וועל זיך שוין מער נישט פאַרבאָרגן
צוליב דײַן פאַרבאָטענער פרוכט.

סײַ ווי איז נישטאָ קיין אַנטרינען.
די ערד אין גן־עדן איז ווייך,
און שטענדיק דו וועסט מיך געפינען
אין טויט — אין דײַן לעצטן דערגרייך.

נישט איין מאָל דו האָסט מיך באַגראָבן —
און זוכסט מיך נאָך אַלץ אויף דײַן וועלט.
ווײַזט אויס, אַז דו דאַרפסט מיך צו האָבן,
אָן מיר, וואָלט דײַן בילד דיר געפעלט.

אַפילו די שטעט און די וועלדער
מיט מענטשן און חיות אין שרעק —
מיר וועלן נישט העלפן. איך פעל דיר,
ווײַל דו קענסט פון מיר נישט אַוועק.

ווײַל איך, ביז צום סוף פון די סופן,
וועל בענטשן דעם טעם פון דער פרוכט —
ווי דעמאָלט, ווען איך בין אַנטלאָפן
נאָך דעם, ווי איך האָב זי פאַרזוכט.

נאַטורמאָרט

צי טייט דער מאָלער טאַקע די נאַטור?
צי קען דען די נאַטור אויך זײַן אַ טויטע?
דאָס איז בלויז אַ באַגריף, אַ לעצטער שפּור,
פון סודות, בלויז דעם מאָלער אָנפאַרטרויטע.

די גאַנצע זון זיך שפּיגלט אין דער קרוג.
דער מאָלער האַלט דעם פּינזל ווי אַ מעסער.
ער וועט צעטיילן פּריזער, ווײַל דאָס ליכט איז קלוג,
דאָס ליכט ווייסט שטענדיק, וועלכע פאַרב ס'איז בעסער.

דער מאָלער זעט: דאָס ליכט שטעלט אָן די פאַרב,
נאָר קענען דאַרף מען יעדע טייל באַזונדער.
אויב פעלן וועט אַ שאָטן פון אַ קאַרב —
וועט אויך זײַן מײַסטערווערק נישט זײַן קיין וווּנדער.

די טיילן בלײַבן טויטע אויף אַ ווײַל,
און באַלד אין אייביק לעבן זיי פאַרבײַט ער.
דעם מאָלערס האַנט באַהעפט זיי אָן געאײַל —
און גאַנץ איז די נאַטור, זי לעבט שוין ווײַטער!

ממשות

ממשות האָט בלויז דאָס, וואָס איך געדענק:
די אַלטע, ברוינע, צוויי געשניצטע שענק,
דער שווערער טיש, מיט שטולן אים אַרום,
און איך, אַ ייִנגל — טרויעריק און פֿרום.

ממשות האָט בלויז דאָס, וואָס איך געדענק:
דאָס אַלטע מעבל מאַכט מײַן לעבן ענג.
דער זייגער שטייט, דער אומרו הענגט דאָרט קרום,
און איך בין אַלץ נאָך טרויעריק און פֿרום.

דעם טאַטנס קול: — ווען וועסטו זײַן אַ לײַט
און אויפשטיין, פּונקט ווי אַלע, אין דער פרי,
און טאָג נאָך טאָג, און צו דער זעלבער צײַט,
ווי יעדער מענטש, אַוועקגיין צו זײַן מי,
און טאָן אַ זאַך מיט שׂכל, מיט אַ גרונט,
אַ זאַך, וואָס האָט פאַר אַלעמען אַ ווערט?
געוועזן וואָלט דאָס פאַר דיר אַ שטיק געזונט,
געגאַנגען וואָלטסטו אַנדערש אויף דער ערד.

דעם טאַטנס קול: — ווען וועסטו זײַן אַ לײַט? —
איך פאָלג אים, איך שטיי אויף שוין זייער פרי,
נאָר טאָג נאָך טאָג איך שלאָג זיך מיט דער צײַט.
מיט הוילע הענט איך כאַפּ זי אין איר גלי.
איך וויין און שרײַ פון וויייטיק און פאַרדראָס:
ווי פרי איך זאָל נישט אויפשטיין — איז שוין שפּעט
פאַר מײַן געראַנגל מיט דעם מינדסטן אות
און יעדן וואָרט פון ליבשאַפט און געבעט. — —
נאָר זאָל קיין פײַנט נישט וויסן פון דעם טעם,
דעם זים-געזאָלצענעם פון מײַנס אַ טרער,
ווען פון מײַן שורה טוט אַ שאָס דער גראַם —
און טרעפט מיך, און פאַרוווּנדיקט טויטלעך-שווער.

און אויב...

און אויב צוריקגעגאַנגען וואָלט די צײַט
און אָפּגעשאַרט פֿון עבר אירע שיכטן —
צי וואָלט איך אויך דען עפּעס דאָרט באַנײַט,
צי וואָלט איך עפּעס דאָרט געקענט פֿאַרריכטן?

צי וואָלט איך טאַטע-מאַמע שוין געהערט,
ווי מײַנע גוטע שווײַגנדיקע ברידער?
צי וואָלט איך קענען זיי זיך נישט געווערט
אין יונגן לעבן און אין ערשטע לידער?

צי וואָלט איך זייער פֿרומקייט שוין געשווינט
און זייער שבת וואָלט איך נישט געבראָכן —
מיט זײַן געהייליקטקייט וואָלט איך געווױנט
און מיט דעם פֿאַסנעם ברויט פֿון אינדערוואָכן?

צי וואָלט איך נישט פֿאַרשעמט דעם טאַטנס טויט —
געריסן וואָלט איך אויף זײַן קבר קריעה
און דאָרט געזאָגט דעם קדיש נאָך זײַן נויט,
און נישט אין יענע לידער מײַנע, פּריִע?

איך וואָלט, איך וואָלט...
איך ווייס, אַזאַ צוריק איז שוין נישט מעגלעך,
אַפֿילו ווען איך וואָלט פֿאַר אַלץ באַצאָלט
מיט מײַן געדענקען אומעטום און טעגלעך.

צו קנאַפּ איז פֿאַר דער הונגעריקער צײַט
דאָס קורצע לעבן פֿון אַ מענטשנס דויער.
מײַן יעדע אַלטע עוולה לעבט און שרײַט
און שוואַרץ בלײַבט שווײַגן בלויז דער טרויער.

אַלץ, נאָר נישט דאָס ליכט

איך גיב דיר אַלץ אַוועק, נאָר נישט דאָס ליכט.
נעם צו די שפּראַך, נעם צו אויך דאָס געהער,
נעם צו פון גוף אַפילו דאָס געוויכט —
נאָר אָן דעם ליכט בלײַבט סײַ ווי גאָרנישט מער.

כ׳וועל ליגן אָן דעם מינדעסטן באַוועג,
און אויב אין אויג וועט לעבן נאָך דער בליק,
וועל איך דיר ווײַזן נאָך אַ מאָל דעם וועג
פון טרויער און פון אויסגעטראַכטן גליק.

איך וועל נאָך קענען זען דעם בוים וואָס בליט,
און פון דעם רײַפן עפּל די געשטאַלט.
איך וועל אַליין נאָך לייענען דאָס ליד —
דאָס ערשטע ליד, וואָס וויל נישט ווערן אַלט.

און טאָג נאָך טאָג כ׳וועל זאָגן דיר אַ דאַנק,
נישט בלויז פאַר געבן יעדן האָן פאַרשטאַנד,
נאָר אויך פאַר יענעם טײַערסטן געשאַנק —
צו קענען זען די בילדער פון רעמבראַנדט.

20סטן מײַ 1983

• • •

מיר עסן פון דער מאַמעס טעלערס,
מיר טרינקען פון דעם טאַטנס כּוסות,
און זיי — זיי זענען די פאַרפעלערס,
און אונדזער עסצימער צו גרויס איז.

איך טראָג אויף זיך דעם ברודערס קליידער —
זיי ליגן גוט אויף מיר, זיי פּאַסן.
דער טויט, דער אייביקער צעשיידער,
שפּאַצירט מיט מיר אין אַלע גאַסן.

נאָר אין דער שאַפע בלײַבן הענגען
ירושה־קליידער — נישט צום טראָגן.
זיי זענען אַלט, ווי דאָס געדענקען —
דאָס לעבן קען זיי נישט פאַרטראָגן.

דער חושך וועט זיי דאָרט דערשטיקן,
דער נאַפטאַלין וועט זיי פאַרסמען.
נישטאָ פאַר זיי שוין מער קיין תּיקון
צו זײַן מיט ליכט און לופט צוזאַמען.

מײַן טאַטנס ניגון

דעם אָנדענק פון מײַן ברודער נ ח מ ן

דעם טאַטנס ירושה — זײַן ניגון —
װער װעט פון פאַרגעסן אים ראַטעװען?
זאָל איך אין אַ ליד אים פאַרהיטן?
זאָל איך אים אין גראַמען פאַרקראַטעװען?

דער לעצטער בין איך פון די ברידער,
איך בין שױן דער לעצטער, געבליבענער.
פאַרשריבן האָב איך מײַנע לידער —
דער ניגון איז נישט קײן פאַרשריבענער.

איצט װעל איך אַלײן שױן אים זוכן,
איך װעל פון פאַרגעסן אים ראַטעװען:
אין ייִדישע תּפילות און שפּרוכן
איך װעל אױף אַ שפּור פון אים טשאַטעװען.

איך הער שױן, איך װאַרט אױף דעם סימן.

1982

• • •

דעם אַנדענק פון חוה סלוצקי

ווי לאַנג ביסט דו שוין טויט?
איך קוק אַצינד אויף דײַנע בילדער.
און דוכט זיך — שאַרפער ווערט דער רויט,
דער בלאָ ווערט, דוכט זיך, עטוואָס מילדער.

די בילדער הענגען אויף די ווענט.
די יאָרן גייען מיד אַריבער.
און בלויז די קראַפט פון דײַנע הענט
ווערט שטאַרקער נאָך, און לעבט זיי איבער.

דער רויט איז שאַרף, דער בלאָ איז מילד.
מיט וואָס האָסטו דו געמישט די פאַרבן?
די צײַט האָט זיי נישט אײַנגעשטילט,
זיי וויסן נישט די שרעק פון שטאַרבן.

ט״ו אדר תשמ״ג

צוזאַמען

זיי האָבן געוווינט אין אַ הויז מיט אַ גאָרטן.
אין גאָרטן געבליט האָבן פּרוכטן.
אַ רויִקער ווינט איז געקומען אַ זוך טאָן,
צעמישט דאָרט די ריחות,
צעטראָגן,
ביז וואַנען דער ריח געוואָרן איז איינער —
אַ ניגון.
דער ווינט האָט שוין אויך נישט געהאַט מער דערקענגן —
געפּאָלגט און געשוויגן.

זיי האָבן פאַרקויפט זייער הויז מיטן גאָרטן
און זענען אַוועק פונעם קליינעם גן־עדן,
צו וווינען אין שטאָט מיטן נאָמען פון פרילינג,
אויף דער גאַס, וואָס מע רופט נאָך די מורדים פון געטאָ.
נאָר דאָרט זענען מער נישט געווען שוין די ריחות
פון רויזן, ציטרינען,
בלויז טרעפּ איבער טרעפּ,
מיט שכנים פון אונטן און שכנים פון אויבן,
מיט וויינען און לאַכן,
מיט קינדער־געשרייען,
מיט קולות פון מענער און פרויען.

ביז איין מאָל, אין אָוונט,
געקומען צו גאַסט איז דער ווינט פון הרצליה
און געמישט די צוויי ריחות
פון זון און פון פאַרבן,
ביז וואַנען דער ריח געוואָרן איז איינער,

און ס׳האָבן די ווענט זיך באַדעקט
מיט רויזן, ציטרינען,
מיטביימער און פייגל,
מיט אויגן און שמייכלען —
מיט בילדער.

איצט קומט שוין דער ווינט פון הרצליה קיין חולון.
דאָרט ליגן זיי ביידע
קבר צו קבר.
נישטאָ שוין דער גאָרטן פון רויזן, ציטרינען.
נישטאָ שוין דאָס שטיבל פון שטויב און פון שטראַלן.
בלויז עטלעכע צווייַגלעך פאַרפלאַנצט האָט דער גערטנער —
אַ מאָל וועלן ביימער פון זיי אפשר ווערן.
די וואָרצלען — זיי וועלן אַלץ מער זיך פאַרטיפן,
פאַרקניפן, פאַרפלעכטן
פעסט און צוזאַמען —
צוזאַמען.

דאָס יונגע לעבן

דאָס יונגע לעבן האָט ער אָנפּאַרטרויט
דעם אויסגעדאַרטן גוף אין ביין און הויט.
ער איז געוואָרן איבער זיך דער האַר
און האָט זײַן ליד געפירט אין דער געפאַר.

איך זע אים ווידער אין זײַן האַסטיק גיין.
זײַן טראָט שלאָגט פּונקטן פּונעם גראָען שטיין.
די גאַנצע שטאָט איז טומלדיק און שטערט,
נאָר ער איז אין זײַן ליד נאָך אײַנגעהערט.

און פּלוצלינג, אויפן אָנגעפּראָפּטן ראָג —
זײַן גוף ווערט אײַנגעזונקען אינעם טאָג,
זײַן ליד פאַרפאַלן ווערט אין דער געפאַר —

און ער איז מער נישט איבער זיך דער האַר.

זיי גייען אַוועק

זיי גייען פון דאַנען אַוועק אין דער מיטן,
זיי גייען אָן אויפהער פון דאַנען צום דאָרט.
זיי ווערן פאַרכאַפּט און פאַרשניטן.

און יעדער פון זיי — מיט זײַן אייגענער שטימע,
זײַן אייגענעם ריטעם, פון בלוט אָפּגעשפּאָרט,
נאָר אַלע — זיי שאַפן אַ הימען —

שליחים פון יידישן וואָרט.

זיי גייען פון דאַנען אַוועק אין דער מיטן.
ווער וועט זיי פאַרטרעטן, פאַרנעמען דאָס אָרט?
מיר גראָבן די קברים און שיטן

די ערד, נאָר דאָס וואָרט זייערס הייבט אָן צו גליִען
און ווערט ווי אַ פונק מיטן פײַער געפּאָרט.
איצט וועט זיך די אייביקייט מיִען —

שליחים פון יידישן וואָרט.

אַ נומער

דאָס יאָר האָט נישט קיין נאָמען, נאָר אַ נומער,
און פון אַ נומער — וואָס קען איך דען ווען וועלן?
צי וועט ער מיר דען שענקען נאָך אַ זומער?
צי וועט ער דאָרט אַ ציפער איבערשטעלן?

אַ נומער אײַלט זיך צו אַ נומער שפּעטער,
און ווי דער שטייגער איז בײַ אַלע יאָרן —
דער נומער לאַכט פון אַלע געלע בלעטער,
וואָס איך האָב אויסגעטריקנט לזכּרון.

און אפשר אויך פון יענע אַלטע בילדער,
אַרומגעצוימטע מיט די שוואַרצע רעמען.
ער וויל פאַרשלינגען זיי אין טאָג־געפילדער
צוזאַמען מיט די פּנימער און נעמען.

צום צווייטן מאָל

די ערד האָט שוין געטאָן איר לעצטן ציטער.
די ברואים זענען טויט. און גאָט איז גרייט
צום אָנהייב פון באַשאַף־געוויטער.
איך גיי מיט אים. מיר זענען זאַלבע צווייט.

די ערד איז רויִק, און איר ליים איז חומר
אויף אויסצוקנעטן לעבן — לײַב און בלוט.
איך גיי אים נאָך, איך בין זײַן טרוימער —
אַן עכאָ פון דעם אַלעם, וואָס ער טוט.

נאָר ווען ער האָט שוין פאַרטיק דעם גן־עדן
און ווײַזט מיר אָן אויף דער פאַרוועלקטער פרוכט,
פאַרשטיי איך, אַז איך דאַרף מיט אים זיך שיידן —
אַז גאָט האָט ווידער מיר זיך בלויז געדוכט.

צו דעם דריטן יאָרטוויזנט

איך בין מיט דער שנעלסטער שליחות געוואָרן באַגליקט —
און מיך האָט די צײַט צו דעם דריטן יאָרטוויזנט געשיקט.

נאָר קיינער האָט מיר נישט געזאָגט, ווי צו גרייכן אַהין.
מע האָט נישט געבויט פון ספּעציעלן מעטאַל קיין מאַשין.

מע האָט נישט געצייכנט קיין פּלאַן און קיין וועג פֿאַר דער צײַט.
מע האָט מיר געזאָגט נאָר: דאָס איז אויף דער אַנדערער זײַט.

מע האָט מיר געזאָגט נאָר: דאָס איז אויפֿן אַנדערן אָרט. —
און איך האָב פֿאַרשטאַנען צו גרייכן אַהין מיטן וואָרט.

איך גרייט זיך. מיט יעדער מײַן שורה איך צייכן דעם וועג.
באַלד וועלן די אותיות גליִען, אַוועק אין געיעג

צום דריטן יאָרטוויזנט, געטריבן פון אויסטערליש ליכט — —
אָט זע, ווי מײַן ליד הייבט אָן קריגן אַן אַנדער געוויכט!

זיי מיינען

זיי מיינען, אַז דעם פלאַטערלס געפלאַטער
איז אַ שפּאַציר אַזאַ פון בלום צו בלום.
זיי מיינען, אַז מײַן גאַנצער מי־און־מאַטער
איז נאָר צו זײַן מיט איין מאָל אומעטום.

אַ ביסל אמת איז דערין פאַראַנען:
איך זאָג אַ שפּרוך, צוויי ווערטער פון אַ שפּראַך —
אַ וואָרט פון דאָרט, דאָס אַנדערע פון דאַנען —
און פּלוצלינג ווערט פון זיי אַ גאַנצע זאַך.

דער גראַם איז ווי אַ בליץ, און אַ פאַרבינדער,
די ווײַטן הייבן אָן זיך צו פאַרשטיין,
און זעעוודיק ווערט דעמאָלט אויך אַ בלינדער,
און היימיש ווערט אַ „יאָ״ אויך מיט אַ „ניין״.

איך בין דער זעער, מיך דערזעט נישט קיינער.
איך בין אין ערגעץ נישט, און אומעטום. — —
דאָס פלאַטערל אויף אונדזער ערד דער שיינער
צעטראָגט שוין איצט מײַן סוד פון בלום צו בלום.

איך דאַרף נאָך געפינען

איך דאַרף נאָך געפינען פאַרבאָרגענע ערטער,
וווּהין עס קען תּמיד דערגרייכן בלויז איינער.
בלויז איך ווייס דעם קאָד פון די אייביקע ווערטער,
וואָס עפענען אויף אויך די שטומקייט פון שטיינער.

איך פיל שוין דעם ציטער פון ערב אַנטדעקן —
אַ זעלטענער מישלינג פון פרייד און פון אֵימה:
ווי שטאַרק איז דער כּוח, וואָס איך וועל דערוועקן,
און וואָסערע בשׂורות ער ברענגט מיר, געהיימע?

צי וועט נישט דער בליציקער בליאַסק פון געפינען
פאַרברענען דאָס ליכט און די אויגן פאַרבלענדן?
צי וועט נישט מײַן לשון אַראָפּ פונעם זינען
און מיך מיט די ווערטער אין איינעם פאַרלענדן?

די פרייד און די אֵימה — זיי פּענטען מיך ביידע.
איך הייב אָן צו זען פון אַ זײַט אַ פאַרקערטער.
די בילדער פאַרלירן דעם זין און דעם סדר.
איך הייב אָן פאַרגעסן דעם קאָד פון די ווערטער.

• • •

זיי האָבן ליב צו דאַווענען בציבור,
און איינער ווײַזט דעם אַנדערן די טרערן,
און יעדער זאָגט די זעלבע תּפילות איבער,
און גאָט מוז אַלע מיט אַ מאָל דערהערן.

זיי האָבן ליב צו דאַווענען פֿון סידור
און בעטן גאָט מיט אָפּגעדרוקטע ווערטער
די זעלבע זאַכן נאָך אַ מאָל און ווידער,
און אויסגעשטעלטע אויף די זעלבע ערטער.

נאָר עפּעס אַנדערש דאַרף דאָך זײַן אַ תּפילה:
אַ שמועס בלויז מיט גאָט אַליין, אין צווייען,
מיט ווערטער אייגענע, פֿאַרבאָרגענע און שטילע
פֿאַר אַלע פֿריידן און פֿאַר אַלע ווייען.

און אויך דער ניגון דאַרף זײַן אין די ווערטער,
און נאָר דער בעטער קען אויך זײַן דער זינגער.
אויך גאָט איז איינזאַם, אַז מענטש דערהערט ער — —
און ביידן ווערט דערנאָך אַ ביסל גרינגער.

בשלום

בשלום

מײַן חלום וועט דאָך קײנער נישט דערהערן,
דערפֿאַר לאָז איך אין דרויסן אַלע שטערן
און זינק אַרײַן אין גוף — אין קלענסטן שטח,
און צו דעם שׂר פֿון די חלומות בעט איך:

שיק ווידער מיך אין אַלע אַלטע ערטער.
איך וועל דאָרט זוכן יענע גוטע ווערטער,
וואָס זענען מיר שוין לאַנג אַרוים פֿון זינען
און אויף דער וואָר איך קען זיי נישט געפֿינען.

די שפּראַך פֿון טאָג ווערט האַרטער אַלץ און רויער
און לייגט זיך ווי צעבראָכן גלאָז אין אויער.
זי קען מיך אין קיין גוטס שוין נישט דערמאָנען,
זי ווייסט אַפֿילו מער נישט ווי צו מאָנען.

בלויז איין זאַך ווייסט זי: ווי אַזוי צו בעטן —
דער טאָג זאָל מיט זײַן רויש מיך נישט צעטרעטן,
מײַן גאַנג אין אים זאָל ווײַטער זײַן געלאַסן,
איך זאָל אַדורך בשלום אַלע גאַסן

און קומען אין מײַן היים, מיט מי געבויטער,
ווו צווישן ווענט די שטילקייט איז נאָך לויטער,
ווו ס׳וואַרטן נאָך אויף מיר צוויי גוטע אויגן,
מיט אומרו און מיט ליבשאַפֿט אָנגעזויגן.

גלײַכע װעגן

אַ העלפֿט פֿון לעבן װױן איך אין דער שטאָט,
און זי איז אַלץ נאָך נישט געװאָרן אײגן.
אַז אַלע גאַסן ליגן גלײַך און גראָד,
און װילן נישט אין ערגעץ זיך פֿאַרבײגן.

און װוּ איך גײ — איז אײנער דער אַדרעס,
און אַלע גאַסן ליגן גלײַך און אָפֿן,
און אַז איך טרעף — איך פֿרײ זיך מיטן נס,
װאָס איך האָב סוף כּל סוף אַהין געטראָפֿן.

די הײַזער זענען װי פֿון אײן געשטאַלט,
און אַלע זענען זײ פֿון דרױסן ענלעך:
נישט װײַס, נישט שװאַרץ, נישט יונג און אױך נישט אַלט —
און יעדעס הױז איז מיר פֿון ערגעץ קענטלעך.

אַ װוּנדער, אַז איך בלאָנדזשע אין דער שטאָט,
און הונדערט מאָל איך מוז זיך איבערפֿרעגן? —
אַז אַלע גאַסן ליגן גלײַך און גראָד,
און, װי באַװוּסט, פֿאַרפֿירן גלײַכע װעגן.

די גלײַכע װעגן זענען גאָרנישט גלײַך —
נישט אײן מאָל פֿירן זײ אַראָפּ פֿון זינען.
זײ פֿאַלן װי אַ װירבל אין אַ טײַך —
און פֿון אַ װירבל שװער איז צו אַנטרינען.

• • •

אַז ווערטער ווערן אויסגעמישט מיט טרערן —
קען גלי נאָר, מײַן אייניקל, דערהערן:

— פאַרשרײַב מײַן לעצטע שורה אויף דײַן הימל,
און צייכן אָן דערבײַ פאַר מיר אַ בלימל.

אין זכות פון דעם, וואָס דו וועסט דאָרט פאַרשרײַבן,
וועל איך אַ רגע לענגער קענען בלײַבן,

און זען, וואָס אויף דײַן הימל איז פאַרשריבן —
מיט דיר וואָלט איך אויף שטענדיק שוין געבליבן...

איז אפשר טאָקע? טראַכט, הייב אָן צו טראַכטן.
צום לײַכטסטן קומט עס אָן אין די פאַרנאַכטן,

ווײַל דעמאָלט העלפט צום טראַכטן אויך דער שאָטן —
אַ לעצטע שורה קומט אַרויס געראָטן,

אַ לעצטע שורה ווערט אָן ערשטע ווידער —
אַ גוטער אָנהייב פאַר די נײַע לידער.

• • •

די קלוגע זאַכן מערן זיך און מערן.
אַ קלוגע זאַך צו לערנען קומט אָן שווער.
און מיר איז שווער אַ פרעמדע שפּראַך צו הערן,
און שולדיק איז דערין נישט מײַן געהער.

איך האָב אַ מאָדנע טבע זיך צו ווערן,
די אומפּאַרשטענדלעכקייט וואַרפט אָן אַ שרעק.
איך קען די ווערטער מער שוין נישט דערהערן —
דאָס פרעמדע לשון ווערט פאַר מיר אַ פלעק.

און איין שפּראַך בלויז איך לערן און איך לערן,
און קען נאָך אַלץ נישט קומען צו קיין דנאָ,
און זשעדנע בין איך ווידער צו דערהערן
אַ וואָסער נײַעס אין אַ וואָרט איז דאָ.

און זאָל אַ פרעמדע שפּראַך מיר נאָר נישט שטערן,
ווײַל איך אין וואָרט געפינען נאָך אַ פשט,
און נאָך אַ שיינעם טײַטש אין אים דערהערן —
פון לערנען ייִדיש ווער איך גאַרנישט זאַט!

בײַם הייליקסטן בין איך איצט גרייט צו שווערן:
מײַן מאַמע האָט געלערנט מיך אַ סך,
און צווישן אַלעם — ווי אַזוי צו הערן,
און ייִדיש איז געווען די שפּראַך.

אויף מיר שוין אַזאַ יאָר!

צו רו געלאָזט האָט מיך דער שאָטן
און אַלץ קומט מיר אַרוים געראָטן.
איך ווייס, אַז מענטשן וועלן לויבן.
די גראַמען קומען, ווי די טויבן,
און צוגעפּאַסטע צו דער פּאָר —
אויף מיר שוין אַזאַ יאָר!

דער ווינט איז ווידער היינט אַ לינדער.
און איך וועל ווערן אַ דערפינדער,
און ס'וועט געשען מיט מיינע ווערטער
אַ וווּנדער גאָר אַן אומדערהערטער:
אַ וווּנדער, און פאַר יעדן קלאָר —
אויף מיר שוין אַזאַ יאָר!

דאָס ליד האָב איך שוין אָנגעשריבן.
דעם שאָטן האָב איך נישט פאַרטריבן.
אַ רגע בלויז געווען כ'בין שיכּור,
אַ רגע בלויז געווען דער עיקר
ביי נאָך אַ חלום אויף דער וואָר —
אויף מיר שוין אַזאַ יאָר!

די נײַע געבאָטן

אַזוינער, וואָס נעמט זיך דאָס לעבן —
מע דאַרף עס אים לאָזן, און געבן.

און דער, וואָס וויל גאָרנישט נישט האָבן —
אים דאַרף מען בײַם לעבן באַגראָבן — —

דאָס זענען די נײַע געבאָטן,
דיקטירטע פון גאָט און פון שׂטן.

דער נאָמען פאַר בײדן איז — שטענדיק,
דאָס גוטע און שלעכטע — אומענדיק.

צוזאַמען — זײ זענען גערעכטע
און טוען דאָס גוטע און שלעכטע.

אויך קַיִן און הבל איז אײנער —
פון פלײש, און פון הויט, און פון בײנער.

און בײדע — מיט בלוט צום פאַרגיסן,
מיט דורשט צו דעם שרעקלעכן וויסן,

מיט חשק צו לעבן אין אײנעם —
און בלײַבן אַלײן און אָן קײנעם.

אַלטע און נײַע לידער

איך האָב געגרייט אַ זאַמלונג פון די לידער,
געשריבענע פון פריִער און פון לאַנג,
נאָר פלוצלינג האָט אַ האַסטיקער דערווידער
אַ שלאָג געטאָן מיט חשד אין מײַן געדאַנק:

מײַן ליבער דיכטער, דאָס איז גאַנץ מסופק.
צי ביסטו דען דערצו געגנוג שוין אַלט?
דו פילסט נישט דעם בעל־דבר דיר אין רוקן?
ער קוקט אַרײַן אין פענצטער דורך אַ שפּאַלט.

אַ שוטה איז דער רום, דערצו — אַ פלוישער.
ער שלעפּט שוין דיך אויך אויפן הויכן באַרג.
און יענער וואַרט דאָך אויפן שעת־הכּושר,
כּדי אַ שפּרונג צו טאָן דיר אויפן קאַרק.

פאַרנעם זיך בעסער מיט די יונגע לידער,
און ווען דו שרײַבסט נישט — מיט דײַן יונגן ווײַב,
און ליב זיך מיט איר נאָך אַ מאָל, און ווידער,
און דײַן געשענקטע צײַט — מיט איר פאַרטרײַב!

אײַ, וואָס וועט זײַן מיט יענע, מיט די אַלטע? —
דו זאָרג זיך נישט! די גוטע און געטרײַע צײַט
וועט זיכער און אויף אייביק זיי באַהאַלטן —
און דו שרײַב נאָך אַ ליד! און זײַ אַ לײַט!

• • •

איך בין אַ וויינער און אַ לאַכער,
מײַן לעבן וועגט אַ לויט,
און דאָך בין איך אַ פּישוף־מאַכער —
איך מײַד דעם טויט.

איך בין אַ לאַכער און אַ וויינער,
און ביידע זענען סוד,
און אויף דער וואָגלערד דער שיינער —
איך היט מײַן טראָט.

עס וואַרט אין מיר דער טויטן־שאַרבן
און שטשירעט מיט די ציין.
ער ווייסט, אַז בלויז ביז צו דעם שטאַרבן —
איך לאַך און וויין.

נאָר גוט איז מיר דערווײַל צו פירן
די שפּיל אין קאַץ־און־מויז:
כּדי בײַם טויט נישט צו פאַרלירן —
איך מײַד אים אויס.

איך וואַרט אויף דיר

פּאַר ה.

איך וואַרט אויף דיר,
איך וואַרט.
די צײַט איז געוואָרן לאַנג.
דאָס בעט איז ווי אַ שטיין שוין האַרט.

די צײַט איז געוואָרן לאַנג.
אפשר דערפֿאַר,
ווײַל ביסט אַנטלאָפֿן
אין איר
— אויף זיבן שעה צוריק
צו דער ברוקלין-בריק.

איך זוך אַ מין געטראַנק,
וואָס קען פֿאַרקלענערן די צײַט,
זי זאָל נישט ציִען זיך לאַנג,
זי זאָל ווידער האָבן בלויז איין זײַט —
תּל-אָביב.

נישטאָ.
ווייסט וואָס איך געפֿין?
אַ שורה פֿון אַן אַלט געזאַנג
וואָס ליגט אין מײַן אונטערזײַן
אַן ערב-לעבן לאַנג.

דאָס בלוט דערפֿילט דעם זינען גיפֿט
פֿון ריטעם און פֿון קלאַנג — —

און איך דערקען די שריפֿט.

• • •

דו גלייבסט נישט אין גאָט, ווײַל ער האָט נישט פֿאַר דיר קײן געשטאַלט.
דו ווייסט נישט, צי איז ער נאָך יונג אַלץ, צי איז ער שוין אַלט.

איך גלייב! אין דײַן יעדן באַוועג ער ווערט ווידער אַנטפּלעקט.
איך וויים! און זײַן אייביקייט האָסטו מיט קליידער פֿאַרדעקט.

נאָר דו זוכסט אַרום מיך מיט דײַנע אומגלייביקע הענט:
— מײַן נאַקעטקייט האָסטו דורך קליידער דערזען און דערקענט!

— איז וואָס, אַז די שיינקייט אַנטדעק איך אין נאָך אַ געשטאַלט,
און יעדע געשטאַלט גייט אַרוים פֿון אַזאַ, וואָס ווערט אַלט?

אַזוי ווי איך לעב, אַזוי לאַנג שפּילט זיך אָפּ דער פֿאַרבײַט,
און גאָט איז נאָך יונג אַלץ, נאָר איך האָב פֿאַרשפּילט שוין מײַן צײַט

די גאַנצע, — איך האָב אינעם קאָן איצט מײַן לעבן געשטעלט:
באַווײַז זיך, אַנטפּלעק זיך פֿאַר מיר נאָך אַ מאָל אויף דער וועלט!

האַלט אײַן אויף אַ ווײַלע פֿאַר מיר נאָך דײַן יונגע געשטאַלט.
איך האָב נאָך אַ סך צו פֿאַרשפּילן — איך בין נאָך נישט אַלט!

אין פּראָפֿיל

די יונגע פֿרוי, וואָס גייט פֿאַרבײַ מיך זײַטיק,
באַווײַזט מיר אין פּראָפֿיל בלויז איר געשטאַלט.
זי ווייסט, אַז זי איז עטוואָס מער ווי צײַטיק,
און איך — זי ווייסט, אַז איך בין ערב־אַלט.

אַ שנעלער, דראָבנער טראָט. זי יאָגט מיך איבער.
די אויגן אירע זעען בלויז פֿאָרויס.
איך קוק איר נאָך. מסתּמא וואַרט אַ ליבער —
איר שנעלער טראָט, דער דראָבנער, זאָגט עס אויס.

אין דרויסן איז אַ מיטוואָך אין דער וואָכן.
און קיינער האָט קיין צײַט נישט צו איר סוד.
נאָר מיך האָט אי געפֿרייט און אי געשטאָכן:
זי גייט צו אים. זי מײַדט מיך אויס. אַ שאָד!

קיינער זעט נישט

מע זעט ווי ער וויינט,
מע זעט ווי ער לאַכט —
קיינער זעט נישט
ווי די טיר
צו אים
ווערט פאַרמאַכט.

אַפילו זי,
וואָס האָט דעם שליסל
פון פאַרגעניגן —
די טיר
צו אים
ווערט פאַרמאַכט
מיטן שליסל פון ניגון.

די טיר
צו אים
ווערט פאַרמאַכט.
די טיר
איז קאַלט און האַרט.
אין דרויסן
וואַרט
די נאַכט.

דערוווּיַטער זיך

דערוווּיַטער זיך עטוואָס פון מיר,
פון מיַין באַריר.
איך פאַרשטעל
זיך
פון זיך,
פון זיך אַליין,
איך פאַרשטעל זיך —
מיט מיַין גוף,
מיט מיַין רוף,
מיט מיַין באַגער,
אַפילו מיט מיַין טרער.

דערוווּיַטער זיך פון מיר,
פאַרליר מיך אַ וויַילע,
פאַרליר.
עס לוינט דיר דער ביַיט.
פאַרלירן דו וועסט פון דער ציַיט
און געווינען —
אויף מיר.

אַ יונגע פרוי

זי האָט ביז איצט קיין אָרט זיך נישט געפונען.
זי האַקט זיך אָפּ די זײַטן בײַם דערפֿאַרן.
איר יעדער טראָט איז, ווי אין שלאַכט געוווּנען —
זי הייבט ערשט אָן צו מײַדן די געפֿאַרן.

און אַז זי קומט אַרײַן אין פֿרעמדע ערטער,
זי טראַכט באַלד, וואָס מע דאַרף דאָרט איבערשטעלן.
אַזוי איז אויך אין לשון מיט די ווערטער:
דאָ זענען זיי צו פֿיל, און דאָרט — זיי פֿעלן.

געבוירן אין אַ שטאָט מיט קרומע הימלען —
די ענגשאַפֿט איז געבליבן איר דערווידער,
און צווישן מענטשן — מוראַשקעס וואָסווימלען —
זי איינע שטופּט זיך דורך און ווײַזט זיך ווידער.

זי גייט אַהיים מיט פֿרעמדקייט אָנגעלאָדן.
די פֿרעמדקייט — איר פֿאַרבינדער און צעשיידער.
זי זייפֿט און רײַסט די הויט, און נאָכן באָדן —
זי קומט צו זיך פֿון אַלע אירע קליידער.

די ערשטע

געווען איז דעמאָלט דרײַ מאָל אין דער פֿרי:
די שעה פֿון ערשטן מאָרגנדיקן טוי,
די צײַט פֿון ערשטן לילאַ־בעז אין בלי,
מײַן ערשטע יוגנט — מיט דער ערשטער פֿרוי.

די ערשטע פֿרוי, וואָס איך האָב ליב געהאַט.
איך בין געווען בײַ איר אַ גאַנצע נאַכט.
איך האָב באַקענט זיך מיט איר יעדן פֿרט —
און זי האָט נאָר געלאַכט, געלאַכט, געלאַכט.

באַגינען האָט זי שטיל מיך אויפֿגעוועקט,
די טיר נאָך מיר — פֿאַמעלעך צוגעמאַכט.
דער שטויב פֿון שטאָט האָט דעמאָלט אויך געשמעקט —
איך האָב געהערט נאָך, ווי זי לאַכט און לאַכט.

געקומען צו דער אַרבעט בין איך שפּעט:
דער ווײַזער איז געווען שוין נאָך דער אַכט.
איך האָב פֿאַרענטפֿערט זיך, גערעדט, גערעדט —
איך האָב געהערט נאָך, ווי זי לאַכט און לאַכט.

צוריקגעגעבן

א יונגע פרוי האָט היינט מיר אָפּגעטראָטן
איר זיצפּלאַץ אין דעם פולן אויטאָבוס,
און פאַר מיין פּנים איז אַדורך אַ שאָטן —
ווי אַ דערמאָנונג, ווי אַ וויַיטער גרוס.

געשמייכלט האָב איך, ווי עס איז דער שטייגער,
און קורץ געזאָגט דער יונגער פרוי אַ דאַנק,
און פּלוצלינג איז באַפאַלן מיך אַ נייגער:
צי קען אַ מאָל די פרוי מיך נישט פון לאַנג?

אהאַ! נאָך אין דער ערשטער העלפט פון לעבן,
אין טראַמוויַי פון אַן אויסגעברענטער וועלט,
האָב איך מיין זיצפּלאַץ איר אַוועקגעגעבן,
האָב איך פאַר אָט דער פרוי זיך אויפגעשטעלט.

און שפּעטער איז זי שוויַיגנדיק געזעסן
און בלויז אַ שיינעם שמייכל מיר געשענקט — —
און דאָס איז זי, זי האָט מיך נישט פאַרגעסן,
זי האָט מיך ביז איר אייניקל געדענקט!

דעם פּלאַץ האָט זי מיר איצט צוריקגעגעבן
אין תּל־אָביב, אין פולן אויטאָבוס —
אַ שאָטן פון דער ערשטער העלפט פון לעבן,
און פון אַן אויסגעברענטער וועלט — אַ גרוס.

די אונטערפירערס

אין דיכטונג איז פאַראַן אויך עטוואָס לאָגיק:
די שורות זענען שמאָלע און לײַכטוואָגיק,

און גרינגע צו דעם זאָגן־איבערזאָגן,
אַז יעדער איינער קען זיי מיט זיך טראָגן.

און כאָטש די וועלט ווערט אײַנגעפּרעסט אין סטראָפן,
די שיינע ווערן אירע בלײַבן אָפן.

אויף איינעם גייען יונגע צוויי שפּאַצירערס
(די לידער וועלן זײַן די אונטערפירערס).

זיי רעדן ווערן בײַראָנען און הײַנען,
נאָר פון דער ליבשאַפט ווילט זיך זיי אַזש וויינען.

אויך איך געווען בין דאָרט אין יענע יאָרן —
באַנאַלע, ווי די גראַמען צו זכרון —

און אויך געלייענט פון אַ גרויסן דיכטער
זײַן אָדע — צו מײַן ערשטער אומגעריכטער.

איך גיי נאָך גלײַך

דו זעסט? איך גיי נאָך גלײַך אויף אונדזער ערד.
ווײַזט אויס, אַז כ'בין פאַר איר נאָך עפּעס ווערט.

פאַראַן אין מיר דער שטראָמענדיקער זאַפט,
וואָס ענטפערט גערן אויף איר צוציקראַפט.

פאַראַן אין מיר דער דורשט צו אומעטום,
צו אַלעם דעם, וואָס איז דערווײַל נאָך שטום,

און ווייסט דערפאַר שוין אַלץ — אַ סך־אַ סך,
אַפילו מער נאָך פון מײַן שיינער שפּראַך.

אַ מאָל דערציייל איך, וואָס איך האָב געהערט
פון עפּעס דאָרט אַ בלום אויף אונדזער ערד.

נאָר קיינער וויל נישט גלייבן, יעדער לאַכט:
דאָס אַלץ האָט ער אַליין זיך אויסגעטראַכט,

דאָס קען נישט זאָגן אויך די קלוגסטע בלום,
און שטומע זאַכן בלײַבן אייביק שטום.

איך ענטפער נישט, איך שמייכל ווי אַ נאַר:
פאַרשטיין איז דאָך די שרעקלעכסטע געפאַר.

און נישט פון הײַנט איז אַ פאַרווערטע זאַך
צו ניצן אַלע ווערטער פון אַ שפּראַך.

פון דעסטוועגן...

ווער וועט דען געדענקען די דאָזיקע לײַט?
פון זיי וועט שוין זײַן דעמאָלט פּאָרעך און שטויב,
פון זייערע פאַרשונגען — ברעקלעך און דרויב.
זיי האָבן ביז איצטער נאָך אַלץ נישט צעקײַט
אויף וויפל צעטיילט מען דאָס וואָרט וואָס מע שרײַבט:
פונדעסטוועגן, דעסט וועגן, אָדער פון דעסט...
נאָר איינער — דער מילב, וואָס איז אייביק, און פרעסט
פּאַפּיר מיט דער חכמה געשמאַלצן — און בלײַבט,
וועט זען, ווי עס פלאַצן פון לאַכן די בענד
פון שלום־עליכם אין יעדער געשטאַלט,
אַפילו אין אויסלייג, וואָס איז אַזוי אַלט
און האָט קיין גראַמאַטיקע נאָך נישט געקענט...

• • •

אַ מענטש בין איך בלויז דעמאָלט ווען איך טו,
איך האָב נישט ליב די שבתדיקע רו:
דעם שווייַגנדיקן לאַנגווייַל פון דער שטאָט,
די שטילקייט פון דעם אָפּגעשטעלטן ראָד,
די ביידלעך אויסגעליידיקטע אין מאַרק,
די מיסטן אָנגעוואָרפענע אין פּאַרק,
דאָס פעלן פון דעם שטענדיקן געיעג —
אַן אויסנאָם פון די מיעֶנדיקע טעג.

אין פּסוק שטייט, אַז גאָט האָט אויך גערוט?
נאָר גאָט אַליין איז אייביק, און ער טוט
די גרויסע זאַכן זיינע אין אַ וואָך,
און אים בלייַבט גאָרנישט איבער אויף דערנאָך,
אַחוץ זיך אָפּצושאָצן אויף „כּי־טוב"
און זיין צופרידן פון דעם גוטן סוף.
און גאָט האָט צייַט געניג, און ער באַווייַזט,
ער האָט שוין אַלע שטערן אויסגערייַזט.
און איך בין נאָר אַ מענטש, מיט ווייניק צייַט,
פון יעדער רגע ווייס איך דעם באַטייַט:
זי איינע היט די גרענעץ אויף מיין וועלט —
איך בין אַ מענטש, די אייביקייט מיר פעלט!

און צייַטפאַרטרייַב — דאָס איז מיין גרעסטע שטראָף.
איך רו ביי נאַכט. אַ שטייער איז דער שלאָף.
איך צאָל אים פינקטלעך אָפּ דער ערד, ווו כ׳ווין.
אַ שיינער חלום איז אַ מאָל מיין לוין.
און אין דער פרי איך טרינק דעם ווייַסן זאַפט
פון טאָג — און כ׳נעם זיך אָן מיט פרישער קראַפט.

דער טיש

איך האָב נישט ליב קיין שטיקל מעבל סתם —
אַליין בין איך דאָך פונעם אַלטן דור.
איך זוך פון יעדן חפץ אויך דעם שטאַם,
איך וויל דערוויסן זיך פון וועלכן יאָר.

אַ מאָל האָט אויך מײַן טיש געהאַט זײַן שטאָלץ,
זײַן יִחוס און זײַן אייגענע געשטאַלט.
ער האָט געוווּסט זײַן עבֿר, און פון וואָסער האָלץ,
און אפשר אויך געדענקט — פון וועלכן וואַלד.

אים האָט געחלומט זיך זײַן מײַסטערס האַנט
(געשטאָרבן נאָך מיט וויפל יאָר צוריק),
און אויך די גוטע שײַן פון זײַן פאַרשטאַנד,
און אויך די שטרענגע ליבשאַפט פון זײַן בליק.

און אָט דער אַלטער טיש האָט אײַנגעזאַפט
די אַלע גוטע ריחות פון מײַן טאָג.
דאָס האַרץ פון דעמב האָט נאָך אין אים געקלאַפט
און אויסגעמאָסטן אין מײַן ליד די וואָג.

און איצט — איך האָב שוין אַ מאָדערנעם טיש,
אַן אויסגעאַרבעטער מיט גלאַנץ און שיק,
נאָר עפּעס פון אַ טרייפענעם געמיש —
אַ שעטנז, וואָס ווייסט קיין מאָל נישט פון גליק.

דאָס איז אַ טיש אָן יִחוס און אָן שטאַם,
אַ ממזר פון אַ ליגנערישער וואָר,
צונויפגעקלעפּט פון שׂינאה און פון סם —
איך שרײַב אויף אים די לידער פון מײַן דור.

מ״ן שלל

מײַן שלל

וואָס זאָל איך טאָן איצט מיט מײַן גאַנצן שלל —
די אַלע בערג פון געלן בלעטערפאַל?

זיי ליגן אָנגעוואָרפן, ווי די טעג
פון זומערדיקן האָוועז און געיעג.

די בלעטער ליגן, פון דער היץ פאַרברענט.
וואָלט איך אין איינעם כאַטש דערקענט

די גרינע פײַכטקייט און די פרישע פרייד,
וואָס האָט געגאַרט כּסדר און געגייט

צו גלייבן, אַז געזיכערט איז מײַן אָרט,
אַז הייליק, ווי אַ שבועה, איז דאָס וואָרט. — —

איך זוך די זומערדיקע טעג — אומזיסט!
די בלעטער ליגן אָנגעשאַרט אין מיסט

און אויסגעזויגן פון דעם לעצטן זאַפט, —
און איך בלײַב שטיין פאַרחידושט און פאַרגאַפט

אויף יענער מוראַשקע אין מיטן ברוק,
וואָס שלעפּט אַליין אַ גרויסן טויטן זשוק.

דער ווינטער איז אַרײַן מיר אין די ביינער

דער ווינטער איז אַרײַן מיר אין די ביינער,
אַ ווינטער מיט פּסדרדיקן רעגן.
צי איז געבליבן אין דער שטאָט כאָטש איינער,
וואָס זאָל זיך מיט מײַן שמייכל איבערפרעגן?

מע האָט שוין צוגעוויינט זיך, אַז מײַן פּנים
זאַפּט אײַן אין זיך דעם טרויער און דעם רעגן.
צי איז פאַראַן נאָך ווער, וואָס איך דערמאָן אים
מיט פרייד, ווען איך באַגעגן און געזעגן?

אין נײַע הײַזער וווינען נײַע שכנים.
זיי היטן זייער פרעמדקייט און פאַרמעגן.
און אויף מײַן גאַס איך קען שוין מער נישט קיינעם,
וואָס זאָל זיך מיט מײַן אומעט איבערפרעגן.

• • •

די קינדערטעג געדענקען אַלע גראָזן
און אויך די אַלקאַלירטע זייפנבלאָזן,

די שטראַלן, אויסגעמישטע מיט די שטויבן,
דאָס וואָרקען פון די ברוינע גאַסנטויבן.

דעם לעצטן פלי פאַר נאַכט פון פרילינגשוואַלבן,
די נאַכט וואָס קריכט פון אַלע שאָטנפאַלבן.

און איך — איך ווייס, אַז רגעס זענען טעמעס.
איך ווייס, אַז יעדער ליגן איז אַן אמת.

איך ווייס, אַז יעדער אמת איז אַ ליגן.
אַלץ איינס, איך ווייס, אַז איך האָב זיי פאַרשוויגן.

און אפשר — נישט, און אַלץ איז נישט געשטויגן,
און שולדיק איז דאָס ליכט אין מײַנע אויגן.

דער אומרו

דער אומרו וויגט זיך צווישן יאָ און ניין,
אין יעדן וויג — דער ענטפער און דער פרעג.
דער ריטעם צווישן ווונדער און פאַרשטיין
האַלט אויס די וואָג פון מײַנע נעכט און טעג,

אין יעדן וויג אַ בשׂורה איך דערוואַרט,
און ווען דאָס הארץ שעפּט אָן זיך מיטן בלוט;
אַ רגע בלויז דער אָטעם בלײַבט פאַרשפּאַרט
אין אַ געוואַקל צווישן שלעכט און גוט.

דער אומרו וויגט זיך צווישן יאָ און ניין.
אין יעדן וויג — דער ריטעם פון מײַן ליד.
נאָר ווען ער וועט אויף שטענדיק בלײַבן שטיין —
בלויז דעמאָלט וועט ער בלײַבן אין דער מיט.

די ערד איז באַרגיק און טאָליק

די ערד איז נאָך קיין מאָל ביז איצט
נישט געווען אַזוי באַרגיק,
און ס'איז דער אַרויף
נישט געווען אַזוי שווער.
אַ סך פון דעם וואָס איך הער,
איז דערווידער.

און דראָיִק איז אויך
דער נידער.

און די ערד איז באַרגיק און טאָליק,
דער זכּרון — אמאָליק, אמאָליק.

און דאָך,
דאָס בלוט —
דאָס רויטע, דאָס זיסע, דאָס גיפטיקע —
איז יונג,
איז נאָך אַלץ נישט געדולדיק,
און טרײַבט מיך נאָך אַלץ
צו יעדער הייך
און צו העלדישע ווערטער:
— איך באַשולדיק!

און די ערד איז באַרגיק און טאָליק,
דער זכּרון — אמאָליק, אמאָליק.

ווהין?

אראָפּגענומען אַלע אויסרוף־צייכנס פון די וועגן.
אוועקגעשטעלט אויף זייער אָרט סימנים פונעם פרעגן:
ווהין?
פון יעדן וועג קען איך דעם אָנהייב,
מײַנע טריט די ערשטע,
די וואַקלדיקע,
די נישט באַהערשטע.
און ווײַטער? —
די וועגן פון מײַן יוגנט דער פאַרשײַטער.

זיי האָבן אָפּגעריסן זיך אין סאַמע מיטן.
די צײַט האָט זיך באַמיט זיי צו פאַרשיטן
און מיט פאַרקוילטע הורבות זיי פאַרשטעלן:
נישטאָ ווהין צו גיין און וואָס צו וועלן,
נישטאָ.

איצט איז שוין קלאָר:
פון יעדן ווײַטן בלאָ
דער פּירוש איז אַן איינציקער:
נישטאָ.
נישטאָ דאָס לאַנד,
נישטאָ די גאַס,
נישטאָ די היים,
נישטאָ.
בלויז ערגעץ דאָרט, אין פראַגע,
שטייט אַלץ פאַרלוירן נאָך אַ יינגל
און פרעגט זײַן פראַגע:
ווהין?

טאָ זאָל ער בלײַבן דאָרט,
כ׳װעל אים נישט שטערן.
כ׳װעל אים לאָזן דעם פּױלישן הימל,
די פּױלישע שטערן.
װאָס קען מיר שװין העלפן?
אַפּילו כ׳זאָל שרײַען, װעט ער מיך נישט הערן.
ער איז װײַט, װײַט —
אין אַן אַנדער װעלט,
אין אַן אַנדער צײַט,
און ער קען זיך קעגן עבר נישט װערן.

...

אַרויסגיין פון די יאָרן, ווי פון קייטן,
און ווידער זיך דערפילן אויף דער פרײַ?
אַלץ איינס, די אַלטע ווונדן וועלן ווײי טאָן,
דערמאָנען אינעם עבר סײַ ווי סײַ.

און וואָס איז דען דער עיקר פונעם ווייטיק,
אויב נישט דאָס ראַנגלען זיך מיט צײַט און אָרט?
איז טאַקע דען דערויף געווען מיר נייטיק
אַ לעבן צו פאַרבּרענגען מיטן וואָרט?

אַז סוף כּל סוף, צו וואָס בין איך דערגאַנגען?
צום אויסגעדראָשענעם, צום אייביק־קלוגן זאָג,
אַז אויך דאָס לעבן מײַנס, דאָס כּלומרשט לאַנגע,
איז ווי דעם פלאַטערלס, וואָס לעבט אַ טאָג.

און ביידע זוכן מיר נאָר אַ תּחבולה
אויף צו באַפרײַען זיך פון אָרט און צײַט,
און אין דער זוכעניש — מיר פאַלן דולע,
און ערשט אין שטאַרבן — ווערן מיר באַפרײַט.

שאָלן

די יאָרן וויקלען איַין מיך, ווי אין שאָלן,
מיט אַלע די פאַרגאַנגענע אַמאָלן.

דערשלאָגן זיך צום קערן ווערט אַלץ שווערער.
אַ נעפּל אין זכּרון איז דער שטערער.

כּדי זיך פון די שאָלן אויסצושיילן —
איך דאַרף זיך פון אַזוי פיל טרויער היילן.

כּדי צו גרייכן ביז דעם ריינעם עיקר —
דאָס וואָרט דאַרף ווידער ווערן מיַין באַגליקער.

דאָס ליד דאַרף ווידער ווערן מיַין באַשיידער,
אַ גרויסע פרייד דאַרף מתּיר זיַין מיַין נדר — —

די שאָלן זאָלן פאַלן פונעם קערן,
און איך זאָל ווידער ראָוי זיַין צום ווערן.

אַ פֿויגל ווען ער שווײַגט

א פויגל ווען ער שווײַגט, איז דאָס אַ סימן,
אַז ער איז אומעטיק, און אַלט, און קראַנק.
און איך — איך זוך ביז איצטער נאָך דעם הימען
אין גאַנצן מײַן ביזאיצטיקן געזאַנג.

בײַם נאָמען האָב איך אָנגערופן זאַכן,
נאָר ס׳האָט קיין ניגון נישט דערצו געפּאַסט.
אויף יעדן יום־טוב פון די שיינע שפּראַכן
בין איך געווען אַן אומעטיקער גאַסט.

דער קראַנקער פויגל זיצט אין זײַנע צווײַגן
און איך — אַנטקעגן אים אין ווײַסן בעט.
צו פרי איז אפשר גאָך פאַר אונדז צו שווײַגן,
צו זינגען — איז שוין אפשר אויך צו שפּעט.

• • •

מײַן טײַערע, איך דאַרף נישט דעם קראַוואַט,
ער איז מיר שוין אין גאַנצן מער נישט נייטיק.
מײַן האַלדז דאַרף בלײַבן אָפּגעדעקט און גלאַט,
און וואַרטן אויף דער פּעטליע פונעם וויטיק.

איך דאַרף אויך נישט דאָס יום־טובדיקע קלייד,
וואָס וועט מיך נישט פאַרדעקן, נאָר באַפּוצן.
(און פונקט אַזוי איז מיט די שיינע רייד —
איך האָב נישט מער קיין חשק זיי צו נוצן).

איך רעד נישט הויך, איך מײַד אויס דאָס געדראַנג,
און פאַר מײַן טראָט — דעם וואָרעם אויך איך וואָרן:
פאַראַן אַזאַ, וואָס קוקט אויף אונדזער גאַנג
און ציילט אונדז ביידן צו די טעג און יאָרן.

זאַלבע צווייט

זיי האָבן אונדז ענדלעך געלאָזן צו רו.
בײַ קיינעם פּאַרנעמען מיר מער נישט קיין אָרט.
מיר האָבן נישט וועמען צו זאָגן מער „דו" —
דאָס ליבע און חוצפּהדיק-נאָענטע וואָרט.

צו אַלעמען זענען מיר העפלעך און גוט.
מיר היטן איצט אָפּ די געניַיע דיסטאַנץ,
אַ נייטיקע צווישן דער לופט און דעם בלוט —
מיר זענען לחלוטין אַליין שוין און גאַנץ.

די לעצטע — מיר בלײַבן צום סוף זאַלבע צווייט
און הערן זיך אײַן אין דער אייביקער רו.
פֿאַר אונדז זענען מער שוין נישט נייטיק קיין רייד —
מיר זענען די לעצטע, וואָס זאָגן זיך „דו".

שטאַרבן

איך האָב געזען
וויביימער שטאַרבן שטייענדיק,
פון רעגן און פון שטורעמווינט צעבראָכן,
ווי מענטשן שטאַרבן גייענדיק
מיט פענער און מיט לידער צום נצחון.

איך האָב געזען
אויך די וואָס שטאַרבן ליגנדיק
און אין יסורים בלײַבן זיי נאָך גלייביק,
נאָר אַלע מענטשן שטאַרבן — זיגנדיק:
פון אַלע טויטן ווערט דאָס לעבן אייביק.

מײַן מוזע

מײַן מוזע אַ מאָל איז געוואָרן די ווײַסע בעריאָזע,
און איר כ׳האָב געשווירן, אַז איך וועל נישט שרײַבן קיין פּראָזע.

איר שלאַנקע געשטאַלט איז אַרײַן אין מײַן ליד ווי אַ דיבוק —
צו אַלץ נאָר, וואָס זינגט זיך, געוועזן בין איך גוט און פֿאַרגיביק.

די ווײַסע בעריאָזע באַשטימט פֿאַר מײַן שפּראַך האָט דעם ריטעם.
איך קען זיך נישט העלפֿן — ביז איצט נאָך איך זינג אים, איך היט אים.

אַ שינאה האָט מיך פֿון דעם טאָל בײַ דער ווײַסל פֿאַרטריבן.
צו אַנדערע ביימער האָב איך שוין די לידער געשריבן.

נאָר זי האָט מיך ליב. פֿון דער שבועה זי וויל נישט באַפֿרײַען.
אין מיטן פֿון זינגען איר בענקשאַפֿט צו מיר הייבט אָן שרײַען.

ווי אַזוי?

די וועלט —
מע דאַרף זי ענדערן, נאָר ווי אַזוי?
אַ מאָל האָב איך גענוצט דערצו די פעדער.
דער טינט אויף איר איז פריש געווען ווי טוי,
די ווערטער — ווי די פּירות אין די סעדער.
געווען איז זייער טעם אַזוי באַגלויבט —
צי זיס, צי — זייער אָפּט — אַפילו ביטער,
און אַז מבינים האָבן זיי געגלויבט,
איז דורך אין רוקן מיר אַ דינער ציטער.

די וועלט — זי האָט געענדערט זיך גענוג.
געענדערט האָט אַפילו זיך מײַן פעדער —
זי איז אַזוי פיל שוין געניט און קלוג
צו שרײַבן, וואָס עס ווייסט שוין סײַ ווי יעדער:
די וועלט האָט זיך געענדערט — ווי אַזוי?
ווו איז אַצינד דער מעכטיקער דערשיטער?
די שורות זענען אויסגעקלאַפּט ווי שטרוי,
אין רוקן איז נישטאָ דער דינער ציטער.

• • •

מע פאָרשט נאָך די וועגן פון חלום.
אויך איך בין צו גאָרנישט דערגאַנגען.
מיט איידלסטע פאַרבן איך מאָל אים,
נאָר שווער איז אין בילד אים צו פאַנגען.

זײַן אָנהייב איז נישט צו געפינען,
אוממעגלעך זײַן סוף צו דערעקן.
ער קומט און פאַרשווינדט אָן אַ שינוי
אין האַסטיקע, קנויליקע פלעקן.

און אויב שוין ער לאָזט זיך פאַרנאַרן
און ווערט, ווי דאָס לעבן, פאַרשטענדלעך,
איז ער שוין ווי אַלע קאָשמאַרן —
אַכזריותדיק, שוואַרץ און אומענדלעך.

• • •

מײַן יוגנט געװען איז באַלײדיקט.
אין לידער איז זי נאָך געבליבן.
אַ סך זענען איצטער שױן לײדיק —
נאָר איך האָב זײ אונטערגעשריבן.

און איך טראָג פֿאַר זײ די אַחריות
ביז אײביק — בײַם בית־דין של מעלה,
און אַלץ װאָס אין רגעם פֿאַרבײַ איז,
מע װעגט װי אַן איצטיקע װײַלע.

מײַן קיניג

מײַן קיניג איז אַלץ נאָך דער פּױלישער האַרבסט,
געקרײנט מיט פאַרװיאַנעטע בלעטער.
דעם בליאַסק פון זײַן סערפּ אין די װינטן ער שאַרפט
און איבער די ברױטפעלדער טרעט ער.

אַט לײגט זיך דער קאָרן אַװעק פאַר זײַן טראָט
און בײגט אונטערטעניק די זאַנגען.
די פױערים זינגען צו אים און צו גאָט
פאַרצײַטישע װילדע געזאַנגען.

אין שפּײַערן הײסט ער פאַרזאַמלען דאָס ברױט
און שיקט אױף דעם װינט צו די מילן —
די זעט זאָל פאַרשטעלן די נױט און דעם טױט,
אַ ליד זאָל דעם פּחד פאַרשפּילן.

אויף אַ שימחה

איר האָט מיך אויף דער שימחה נישט גערופן,
און אויך אַוועקגיין קען איך ווען איך וויל.
איך בלײַב אַליין אין אײַער בגילופין,
און קיינעם אַרט אויך נישט מײַן שווײַגן שטיל.

טאָ וואָס זשע טו איך דאָ, אויף דער הילולא,
אַז אויך מײַן שווײַגן איז אײַך נישט קיין שטער? —
הייבט-אויף די כּוסות אײַערע, די פולע!
אַ דאַנק, וואָס קיינער פרעגט אויף מיר נישט: „ווער?"

געקומען בין איך נישט אויף זיך פאַרווײַלן,
און נישט — מיך מיטצופילן און פאַרשטיין.
אַזעלכע זאַכן זענען נישט צום היילן,
נישט אויסצורײַסן אויך, ווי קראַנקע ציין.

נישטאָ פון דעם אין ערגעץ קיין אַנטרינען,
און ווּ איך לויף — איך בלײַב מיט זיך אין שטײַג.
איך ראַנגל זיך, איך גיי אַראָפּ פון זינען —
און קיינעם ווּנדערט נישט פאַר וואָס איך שווײַג.

• • •

און איצט, שוין פאַרן סאַמע סוף,
ווען כ׳זוך אַן אָנהייב אינעם עיגול,
באַקום איך אויפן אָרט די שטראָף —
און כ׳בין צוריק אין וויגל.

און דאָרט הייבט אָן זיך דער ווּהין
דער זעלבער אויפן זעלבן קײַלעך,
און נאָך אַ מאָל, און אָן אַ זין —
צום סוף דעם זעלבן אײַל איך.

דער אָנהייב בלײַבט פאַר מיר אַ סוד,
דער עיגול איז נאָך אַלץ אַ רונדער, — —
און אויסגעשטעלט צו שאַנד און שפּאָט —
כ׳בין ווידער הילפלאָז און באַזונדער.

...און מיר בין איך

...און מיר בין איך פון אַלערליי דערקלערערס,
וואָס טײַטשן אויס די ליבע און דעם האַס.
איך וויל נישט האָבן נאָך אַ מאָל קיין לערערס,
איך וויל נישט זיצן נאָך אַ מאָל אין קלאַס.

איך ווייס שוין גוט פון וואַנען יעדע נויט איז,
נאָר נאָך דעם וויסן איז מיר אַלץ נאָך שווער,
און טרויעריק מיר ווערט פון אַלע סודות —
איך דאַרף אַ ביסל רו, און גאָרנישט מער.

און שטילע הימלען דאַרף איך, קלאָרע זונען,
און גרינגם אַ סך, אַ נישט פאַרסמטע לופט.
איך דאַרף אויף ס'נײַ דעם כּוח פון אמונה,
זי האָט מיך שוין נישט איין מאָל אויסגעפּרוווט.

צום לעצטן

צום לעצטן, וואָס וועט נאָך מײַן לשון פאַרשטיין:

דו זוך אין מײַן ליד
דעם ריטעם פון געוויין,
דעם שמייכל אין מײַנע ציין.

אַהין כ׳בין געוואָרן געבראַכט
מיט יעדן ניואַנס פון מײַן שפּראַך,
מיט יעדן פאַרשרײַב פון מײַן פען.
קוק אײַן זיך, דערזע און דערקען:
אָ דאָ איז געשטאַנען מײַן וויג,
און דאָ האָט דער קאָרן געבליט,
און דאָ
כ׳האָב געפײַערט מײַן זיג —
דאָס ערשטע ליד.

דער ניגון פון געוויין

ווי קומט עס צו דעם פאַרגעניגן
דאָס זײַן מיט זיך אַליין?
ווי פאָרט זיך דען געוויין מיט ניגון —
אַ ניגון פון געוויין?

אַ סוד. פון דעם מין פאַרגעניגן
ווייסט איינער — איך אַליין.
איך קען די שיינקייט פון דעם ניגון,
דעם ניגון פון געוויין.

דער ווייטיק ווערט מײַן פאַרגעניגן,
און איך — ווער איך אַליין.
דאָס ליד ווערט אַנדערש אינעם ניגון —
תהילים און געוויין.

פון אַלץ וועט דאָ בלײַבן אַ צייכן

פון אַלץ וועט דאָ בלײַבן אַ צייכן,
אַ סימן — פון קלענסטן באַוועג.
איך וועל צו מײַן נאָכקום דערגרייכן
מיט קורצע מינוטענע טעג.

דאָס וואָרט, וואָס איך שרײַב מיטן בלײַער,
מאַכט ווידער מיך ענלעך צו זיך:
אַ פונק פון דעם זעלביקן פײַער,
אַן אָטעם פון אייגענעם איך.

מקנא צו זײַן דעם געפינער!
(ס׳וועט קיין מאָל נישט ווערן צו שפּעט).
די טעג וועלן מאַכן נאָך דינער
די ווערטער, וואָס איך האָב גערעדט.

גראָב טיפֿער

און איצטער — גראָב טיפֿער, גראָב טיפֿער.
מע דאַרף דיר נאָך עפּעס דערגעבן:
אַ יאָר מיט אַ קלענערן ציפֿער —
אַ יאָר, וואָס דיר קומט נאָך בײַם לעבן.

צו שנעל איז די יוגנט אַריבער,
צו פֿיל האָסטו דאָרטן פֿאַרגעסן:
אַ יאָר מיט אַ פֿרילינג אָן עיבור,
מיט וואַרעמע לאַנגע מעת־לעתן.

צו יונג ביסט געווען נאָך, און ביייניק
דײַן גוף, אַזוי דין ווי אַ ניגון.
דאָס יאָר איז געווען דיר צו ווייניק —
דאָס זאָל אויף אַ לעבן גענוגן.

גראָב טיפֿער. דו וועסט זיך דערגראָבן.
צי פֿילסטו דען נישט, וואָס עס פֿעלט דיר? —
דאָס קומט דיר. דו דאַרפֿסט נאָך דערהאָבן
אַ סך, וואָס דיר פֿעלט צו דײַן עלטער.

פון אַלע דײַנע שפּראַכן

פון אַלע דײַנע שפּראַכן
דו קומסט צוריק צו ערב-שפּראַך
און צו ערב-שטום —
צום ערשטן און צום לעצטן ברום.
פון דאַנען הייבט זיך אָן
דאָס לאַכן,
די האַלבע קולות פונעם וויינען,
די נעמען פון די זאַכן,
און ענדיקט זיך
בײַם איבעררוף
פון סקעלעטישע געביינען
ביז דיר,
און ביז דײַן שטאַרבנדיקן גוף.

דו קומסט צוריק צו זאַמד און שטיין.
דײַן לײַב ווערט שלאַבעריק און פויל.
און נאָך דײַן טויט —
בלויז דײַנע ציין
בלײַבן האַרט נאָך אין דײַן מויל
און שטשירען אייביק אין דײַן שאַרבן
קעגן גאָט
און קעגן שטאַרבן.

צו וואָס איז דאָס אײַלן?

דאָס אײַלן? צו וואָס איז דאָס אײַלן?
דער וועג וועט פֿאַרשלינגען די מײַלן —
און דו וועסט דעם סוף ניִשט דערגרייכן.

אַן אָנהייב? דער אָנהייב געווען איז אין פּוילן.
איצט שטיי איך אין נאַקעט־און־הוילן
און זוך פֿונעם אָנהייב אַ צייכן.

און אַלץ, וואָס געשען ס'איז אין מיטן:
די פֿרעמדקייט, וואָס איך האָב געליטן,
די פֿײַנטלעכע ווינטן אין רוקן,

דאָס פֿויקן פֿון שטיוול, וואָס טרעטן,
דער מאָרד פֿון די ברידער־פּאָעטן —
דאָס אַלץ וואַרט ביז איצט אויף אַ תּיקון.

• • •

דו וועסט דערמאָנען זיך די ווילדע פרוכט,
די רויטע יאַגדעס פון די סאָסנעוועלדער,
וואָס אויב דו האָסט זיי איין מאָל כאַטש פאַרזוכט,
זיי האָבן שוין אַ לעבן לאַנג געפעלט דיר.

און אין דעם דינעם געפּל פון פאַרגעס
דערזען וועסט דו נאָך אפשר די בעריאָזע,
און אויך דאָס לילאַ־ליכט פון פרילינגבעז —
נאָר דו, דו טו אַ שמייכל און פאַרלאָז זיי,

זיי זאָלן בלײַבן אויף דער פרעמדער ערד,
אין פרעמדער שיינקייט און אין פרעמדן טרויער. — —
דאָס שוואַרצע ברויט, וואָס האָט דיך דאָרט גענערט,
איז פון דער פרעמדקייט שוין געוואָרן זויער.

אַזוי פיל טרויער

אַזוי פיל טרויער — וויפל טעג אין יאָר.
צי ווערן טאַקע ווײַס שוין מײַנע האָר?

ווײַסע האָר — ווי פּאַסט עס צו דעם בלוט
פון דעם, וואָס האָט פאַראייביקט איין מינוט?

ווײַסע האָר — ווי פּאַסט עס צו דעם טראָט
פון דעם, וואָס האָט פאַרמאָסטן זיך אויף גאָט?

ווײַסע האָר — ווי פּאַסט עס צו די הענט
פון דעם, וואָס האָט דעם סוד פון טאָן דערקענט?

ווײַסע האָר — ווי פּאַסט עס צו דעם בליק
פון דעם, וואָס אויך דעם טרויער רופט ער: גליק?

• • •

איך קען די וועלט דערזען אויך דורך אַ פענצטער,
אויך דורך אַ שפּאַרע, דורך דער סאַמע קלענסטער.

דו מעגסט אין ענגסטן צימער מיך פאַרשפּאַרן,
און מיר וועט גאָרנישט באַנג טאָן, גאָרנישט אַרן.

איך דאַרף נאָר ליכט אין מײַנע פענצטערשויבן,
און אין מײַן בלוט — די ליבשאַפט און דעם גלויבן.

איך דאַרף נאָר, אַז די שפּאַרע זאָל זײַן אָפן,
און אין מײַן בלוט — דאָס זינגען און דאָס האָפן.

די שיינקייט, וואָס איז אײַנגעזאַפּט געוואָרן,
וועט סטײַען אויסצושטראַלן לאַנגע יאָרן.

מײַן פֿאַרמעגן

איך שרײַב נישט נאָך זיך קיין צוואה,
איך האָב דאָך אַזאַ מין פֿאַרמעגן:
די הימלען, די בלאָע, די גראָע,
די טויען, די נעפּלען, דעם רעגן.

און דאָס איז נישט לײַכט צו צעטיילן,
איך קען זיך קיין עצה נישט געבן.
אַפֿילו בלויז איבערצוציילן
וועט אויך מיר נישט סטײַען דאָס לעבן.

נאָר אַלץ איז אין לידער פֿאַרשריבן,
געחתמעט איך האָב מיט מײַן חתימה,
און דאָס איז אויף אייביק געבליבן,
מיט דעם וועלן דורות זיך רימען.

געאַרבעט דערויף האָב איך יאָרן,
מיט מי און מיט ווײ עס געקליבן.
נאָר אַלץ, וואָס איך האָב אין זכּרון,
האָב איך אין די לידער פֿאַרשריבן.

און אַלץ איז פֿאַראַן אין פֿאַרמעגן,
וואָס איך וועל פֿאַר נאָענטע לאָזן.
די טויען, די נעפּלען, דער רעגן,
די הימלען, די וועלדער, די גראָזן,

די פייגל, די קי און די ציגן,
די עפּל, די בלומען, דעם קאָרן,
אַפילו די ווערעם און פליגן —
דאָס אַלץ, וואָס איך האָב אין זכּרון.

און שפּעטער, נאָך שפּעטער פון שפּעטער —
אין שטילקייט מע וועט דאָס צעטיילן,
און מישן מע וועט אין די בלעטער —
אַ רײַכקייט, נישט איבערצוצײלן.

די יורשים — צוזאַמען, אין איינעם,
פאַרירשענען וועלן און הערן — —
און גאַפן, און לאַכן, און וויינען
מיט פונקען פון פרייד און פון טרערן.

ווי שטענדיק

די שפּראַך איז מײַן אײנציקע היים,
אין איר קען איך וויינען און לאַכן.
איך עפן זי אויף אין געהיים,
און איך בלויז — איך קען זי פאַרמאַכן.

טאָג־טעגלעך איך נעם אײַן דעם גיפט,
וואָס איז אַזוי זיס פאַר מײַן גומען.
ווען נישט אָט די הייליקע שריפט —
געמוזט וואָלט איך אייביק שוין שטומען.

אַפּילו פון דרויסן די שײַן
מוז וואַרטן ביז וואַנען איך ענדיק:
— אין ליד וועל איך ווערן און זײַן,
ווי שטענדיק, ווי שטענדיק, ווי שטענדיק!

אַ רגע בין איך

איך קען בײַ דער צײַט אויך זיך מאָנען מײַן חלק.
געגאַנגען בין איך איבער פעלקער און לענדער,
און איך האָב געשטורעמט די וועלט און געענדערט.
אַ רגע בין איך — נאָר אין אומרו באַטייליקט!

אַ רגע בין איך, צווישן טויזנטער פונקען
אַ פונק, נאָר אַזאַ, וואָס קען טרעפן צום שײַער.
און איך האָב פונאַנדערגעפלאַקערט אַ פײַער,
און איך האָב דאָס פײַער ווי וואַסער געטרונקען.

אַ רגע בין איך, און צום הײַנט בין איך גיריק,
און יעדע מינוט צייל איך אָפּ און געשטאַלטיק
ביז ראָוי צו ווערן אויף אייביק און באַלדיק —
אַזוי זאָל מיר העלפן דער גאָט פון דער ליריק!

אַ תּפילה

מײַן גאָט, און דער גאָט פֿון מיליאָנען פּאָעטן,
פֿון אַלערלײ צײַטן און ערטער! —
איך בעט, אַז דײַן אײביקײט זאָל מיך פֿאַרבעטן
אין זכות פֿון די יִדישע װערטער,
װאָס ברענען נאָך אַלץ צװישן טױזנטער שפּראַכן
און װילן נישט װערן פֿאַרלאָשן —
ביז װאַנען דו װעסט נישט אױף אײביק פֿאַרמאַכן
דעם קװאַל פֿונעם מענטשלעכן לשון.

זאַלבע דריט

דער וואָראָביי וואָס שפּרינגט אין גרינעם גראָז
און טאַנצט דאָרט זײַן קליינפּיסלדיק געהיפּ —
ער ווייסט נישט, פּונקט ווי איך, פֿאַר וואָס
ער האָט דאָס בידנע לעבן זײַנס נאָך ליב.

און יענער ווייכער וואָרעם אין געקריך,
אין זײַן געפּאַר פֿון אייביקן צעטרעט —
ער שפּירט דאָך זיכער אויך אַזוי ווי איך,
אַז פֿאַר זײַן לעבן ווערט כּסדר שפּעט.

און צווישן ביידע בין איך אין דער מיט —
פֿאַרליבט נאָך אינעם לעבן אָן אַ מאָס,
און אַלע מיר — צוזאַמען, זאַלבע דריט —
באַוועגן זיך, און ווייסן נישט פֿאַר וואָס.

• • •

צו וואָס האָב איך די פּיַין אויף זיך גענומען?
צו וואָס שלעפּ איך אַרום נאָך דאָס געדענקען?
צי מוז איך דען אַחוץ די אַלע מומים
אויך ירשענען די שווערסטע פון די קרענקען?

און דאָס איז דאָך אַ קרענק אויף נישט צו היילן:
זי מאַטערט מיך בײַ יעדן איינעם וועטער,
און וועגן איר, איך שעם זיך צו דערציילן,
און די רפואות זאָגט מען צו אויף שפּעטער.

און דאָך איז עפּעס גוטס דערין פאַראַנען,
ווי אין די קינדעריאָרן — דאָס געוועזן,
ווען אויך דער וויַיטיק הייבט אָן צו דערמאָנען
אין היילנדיקן בלייכן ליכט פון בעזן.

...

צי איז אים דען טאַקע נאָך מעגלעך
צו רירן די ערד פון יסוד?
אַ לעבן אָן אויפהער, טאָג־טעגלעך —
ער פירט זײַן געראַנגל מיט גאָט.

ווי לאַנג וועט ער קענען זיך שלאָגן?
ביז ווען וועט נאָך סטײַען אים צײַט?
נאָך איידער ער וועט זי דעריאָגן —
זי איז אויף דער אייביקער זײַט.

און דאָרט איז דאָך מער שוין נישט נייטיק
צו רירן די ערד פון יסוד.
און דאָ לאָזט ער איבער דעם ווייטיק —
מיט דעם איז ער שטאַרקער פון גאָט.

די זון פאַרגייט

די זון פאַרגייט, זי ווערט פון מיר אַלץ ווײַטער.
און הינטער מיר וואַקסט אוים נאָך מער מײַן שאָטן.
איז דאָס דען דער, וואָס טאָג אויף נאַכט פאַרבײַט ער?
ווי לאַנג איז, אַז איך בין אויף אים געטראָטן?

צו מײַנע קליינע פים האָט ער גענידערט,
אָן אויפהער האָט די זון זיך אויפגעהויבן.
דער שאָטן האָט נאָך דעמאָלט נישט דערווידערט
צום ליכט, וואָס האָט געשפּאַרט אויף מיר פון אויבן.

און אויך די שקיעה פלעגט אים אונטערצינדן.
מײַן מאַמע האָט געזונגען בײַ דעם שײַטער,
כּדי מײַן שרעק פאַר חושך זאָל פאַרשווינדן. — —
די זון פאַרגייט, זי ווערט פון מיר אַלץ ווײַטער.

אויסגעקליגט

איך האָב געחברט זיך מיט פייגל אויפן דאַך,
זיי זאָלן אַלע הייכן מיר באַוויַיזן.
איך האָב שוין באַלד פאַרשטאַנען זייער שפּראַך
און יעדן שאַרפן ווענד אין זייער קרײַזן.

איך האָב געגלייבט דעם צוזאָג פון דער בלום,
איר יעדע פאַרב — אַ משל פאַר די פריידן,
ווען ס'האָט די שפּראַך נאָך נישט געקרענקט אויף רום
און יעדעם וואָרט אירם איז געווען באַשיידן.

איצט איז זי אויסגעקליגט שוין פון דער שריפט,
פאַרלוירן האָט זי איר פאַרקלער און ציטער,
און איר דערפאַרן איז דער שאַרפער גיפט,
וואָס מאַכט די לידער טרויעריק און ביטער.

• • •

וואָס איז אַ ליד, וואָס איז עס אין דער יוגנט? —
דער ערשטער ווידוי, אַן אינטימער בריוו,
אַ ליבע — נישט געענטפערט, נישט באַנוגנט,
דער אויסבראָך פון אַ קוואַלנדיקער טיף.

וואָס איז אַ ליד, אַ ליד אין רייפע יאָרן? —
דער טויט־געראַנגל צווישן שרעק און מוט,
אַן אויסגעמיש פון ליידנשאַפט און צאָרן,
דער סם פון אייפערזוכט אין הייסן בלוט.

וואָס איז אַ ליד, וואָס איז עס אויף דער עלטער? —
דאָס ליד איז אַ געבעט, אַ טעסטאַמענט,
געשריבן אין אַ שפּראַך אַ נישט־פאַרשטעלטער
און מיט אַ כּתב פון ציטערדיקע הענט.

די האָפֿענונג

גם כי אלך בגיא צלמות
לא אירא רע.

אין יעדן טאָג דערוואַרט מיך די געפֿאַר,
אין יעדן טאָג דערוואַרט מיך אויך דאָס גליק,
און אויף דער האָפֿענונג פֿון יעדן נאַר —
איך גיי אין צווישן זיי ווי אויף אַ שטריק.

איך גיי אין צווישן זיי, און איך בין בלינד —
איך זע נישט דעם קאָנטראַסט פֿון עק ביז עק.
די האָפֿענונג באַהעפֿט זיי און פֿאַרבינדט,
און צווישןביידע פֿיל איך נישט קיין שרעק.

און אַז די האָפֿענונג טוט זיך אַ וויג —
פֿאַרהאַלט איך אויף אַ ווײַלע מײַנע טריט:
אויף קיין שום זײַט דערזע איך נישט קיין זיג,
און די געפֿאַר איז דווקא אין דער מיט.

איך וואַרט נאָך אַלץ

איך וואַרט נאָך אַלץ אויף יענעם יונגן דיכטער,
וואָס וועט באַווײַזן זיך פֿאַר מיר אַן אומגעריכטער
און לייענען אַ שעמעוודיק־געשטערטער
פֿון ערשטן ליד די שטאַמלדיקע ווערטער.
און וואַרטן וועט ער שטיל אויף מײַן מבינות,
און איך וועל אים דערקלערן, וואָס דער זין איז
פֿון אָט דער גאַנצער שפּיל אין קידער־ווידער
מיט ווערטער — צו פֿאַרשפּאַרן זיי אין לידער
און קרייצן זיי מיט פֿײַערדיקע גראַמען,
און ראווי מאַכן פֿאַר אַן אַני־מאַמין.

און בלויז צום סוף איך וואָלט נאָך צוגעגעבן
דעם וויכטיקסטן דערפֿאַרן פֿון מײַן לעבן:
איך האָב אַ מאָל געשריבן מיט אַ בלײַער,
און יעדעס וואָרט געווען איז ווי פֿון פֿײַער.
און איצט, ווען ס'איז אַ גאָלדענע מײַן פֿעדער —
די ווערטער זענען טרוקענע ווי לעדער,
די לידער זענען דורכגעטראַכט און ניכטער —
און כ'וואַרט נאָך אַלץ אויף יענעם יונגן דיכטער.

היום קצר...

מײַן יעדער טאָג האָט איצט אַן אַנדער ווערט
און אויך אַ רגע איז געוואָרן טײַער.
ווי לאַנג וועל איך נאָך גיין אויף אָט דער ערד
און שפּילן זיך מיט ליבע און מיט פײַער?

איך מאַך אַ ברכה איבער יעדן טאָג
און בעט, ער זאָל זיך ציִען ביז צו אייביק.
איך לאָד אים איבער מיט אַ שווערער וואָג
און שלעפּ אַוועק אים זינגענדיק און גלייביק.

דער טאָג איז קורץ, און קוים וואָס איך באַוויַיז.
דער אָוונט קומט, און איך ווער מיד און מידער — —
און איך האָב צו פאַרריכטן נאָך אַ גרײַז,
וואָס איז געבליבן אין די אַלטע לידער.

א י נ ה אַ ל ט

זיי וועלן אויפשטיין

7 איך קום
8 ביים קיכטיש
9 פון די אַשן
11 ביזן דנאָ
12 דער ריח פון געדענקען
13 די מאַמע מיטן קינד
14 דעדיקאַציע
15 יתומים
16 אויסגעמעקט
17 מיין יינגערער ברודער
18 די ירושה
20 סאַלוט
21 מיין שוועסטער חיה
23 אַליין
24 יאָרן, יאָרן
25 אפשר וואַרטן ?
26 איך גיי איצט ווידער אויף די זעלבע שטיינער
30 זיי וועלן אויפשטיין

סודות און רמזים

33 סודות און רמזים
35 דער לעצטער רעגן

36 אַנגעוויטיקט
37 די דריַי טאַפּאַליעס
38 איך פרעג נישט זיַין נאָמען
39 דער פרילינגווינט
40 די געלע בלומען
41 וואָס מאַכט עס אויס
42 אַ גרוס פון אונדזער געסל
44 די לערע פון די פייגל
45 אַ קאַרליקל אַ בוים
46 אַ מאַדנער בוים און מאַדנע פייגל
47 אַ בלאָער פויגל
48 סוף פרילינג
49 דער טראָפּן זאַלץ
50 * (נישט וויַיט)
51 * (אומזיסט)
52 כחום היום
53 אַ שיינער רעיון
54 אַן אויספלוג
55 צום טאַפּאַל אויף מיַין הויף
56 אַ ביסל ווינט
57 די מידבר־בלום
58 ציַיטפּאָרטריַיב

ממשות

61 אַ פּרוּוו
62 מיר איז ענג אויף דער וועלט
63 די קליינקייט איז מיַין שוץ
64 דו דאַרפסט זיך נישט זאָרגן
65 נאַטורמאָרט
66 ממשות
67 דעם טאַטנס קול
68 און אויב...
69 אַלץ, נאָר נישט דאָס ליכט
70 * (מיר עסן)
71 מיַין טאַטנס ניגון

72 * (ווי לאַנג)
73 צוזאַמען
75 דאָס יונגע לעבן
76 זיי גייען אַוועק
77 אַ גומער
78 צום צווייטן מאָל
79 צו דעם דריטן יאָרטויזנט
80 זיי מיינען
81 איך דאַרף נאָך געפינען
82 * (זיי האָבן ליב)

בשלום

85 בשלום
86 גלײַכע וועגן
87 * (אַז ווערטער ווערן אויסגעמישט)
88 * (די קלוגע זאַכן)
89 אויף מיר שוין אַזאַ יאָר
90 די נײַע געבאָטן
91 אַלטע און נײַע לידער
92 * (איך בין אַ ווײַנער און אַ לאַכער)
93 איך וואַרט אויף דיר
94 * (דו גלייבסט נישט)
95 אין פּראָפיל
96 קיינער זעט נישט
97 דערווײַטער זיך
98 אַ יונגע פרוי
99 די ערשטע
100 צוריקגעגעבן
101 די אונטערפירערס
102 איך גיי נאָך גלײַך
103 פון דעסטוועגן
104 * (אַ מענטש בין איך)
105 דער טיש

מײַן שלל

109 מײַן שלל
110 דער װינטער איז אַרײַן מיר אין די ביינער
111 * (די קינדערטעג)
112 דער אומרו
113 די ערד איז באַרגיק און טאַליק
114 װוהין
116 * (אַרויסגיין פון די יאָרן)
117 שאָלן
118 אַ פויגל װען ער שװײַגט
119 * (מײַן טײַערע)
120 זאַלבע צװייט
121 שטאַרבן
122 מײַן מוזע
123 װי אַזוי
124 * (מע פאַרשט)
125 * (מײַן יוגנט)
126 מײַן קיניג
127 אויף אַ שימחה
128 * (און איצט)
129 ...און מיד בין איך
130 צום לעצטן
131 דער ניגון פון געװיין
132 פון אַלץ װעט דאָ בלײַבן אַ צייכן
133 גראָב טיפער
134 פון אַלע דײַנע שפּראַכן
135 צו װאָס איז דאָס אײַלן
136 * (דו װעסט דערמאָנען)
137 אַזוי פיל טרויער
138 * (איך קען)
139 מײַן פאַרמעגן
141 װי שטענדיק
142 אַ רגע בין איך
143 אַ תּפילה
144 זאַלבע דריט

145 * (צו וואָס)
146 * (צי איז)
147 די זון פאַרגייט
148 אויסגעקליגט
149 * (וואָס איז אַ ליד)
150 די האָפענונג
151 איך וואַרט נאָך אַלץ
152 היום קצר

ביכער פונעם זעלבן מחבר:

דורך שטאָכעטן, וואַרשע, 1932

אין אומרו פון טעג, וואַרשע, 1933

אויפן ווינט, וואַרשע, 1936

לידער, מינסק, 1940

די ערד האָט געציטערט, מאָסקווע, 1947

דער וועג אויף וואַרשע, מאָסקווע, 1948

דורך שאָטן און שײַן, לאָדזש, 1948

אַ פרילינג אין פּוילן, וואַרשע, 1950

היימערד, וואַרשע, 1951

אין אונדזער צײַט, וואַרשע, 1954

דער וועג אויף וואַרשע (צווייטע אויפלאַגע), וואַרשע, 1955

דאָס ערשטע ליד, וואַרשע, 1956

קלאָרקייט, וואַרשע, 1957

בײַם ראַנד, ירושלים, 1957

נײַע לידער, תּל־אָביב, 1964

דור און דויער, תּל־אָביב, 1967

אַ בוים אין אָוונט, תּל־אָביב, 1971

אין וואַרשעווער געטאָ איז חודש ניסן, תּל־אָביב, 1973

ביחידות, תּל־אָביב, 1975

דאָס צוגעזאָגטע וואָרט, תּל־אָביב, 1980